פראפ. וו אי. טאַליעוו

טשארלז דארווין

ייִדיש

נ. מ—ל

פאַרלאַג

„צוקונפט"

ווארשע.

8

Austria

פּראָפ. וו. אי. טאַליעוו

טשאַרלז דאַרווין

וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַר דער מענטשהייט?

יידיש
נ. מ—ל

פאַרלאַג
„צוקונפט"
וואַרשע.

געדרוקט אין 2500 עקז.
ווארשע, 1921.

W. A. Taljew. Cz. Darwin. Tłom. N. M—l. Wyd. „Cukunft", Leszno 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

צווישן די גרויסע נעמען, וואָס די מענשהייט גרייסט זיך מיט זיי, פאַרנעמט איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער דער געניאַלער ענגלישער נאַטורפאָרשער טשאַרלז דאַרווין. זיין נאמען איז זייער שטאַרק פאָפולער. הגם זיין ארבעט, ווי ס'קאן זיך אויסווייזן, האט לפי ערך דירעקט צו טון מיט אַ ספּעציעלן געביט פון דער נאַטורוויסנשאַפט, דאָך איז שווער אָנצורופן נאָך אַ דענקער פון דער נייסטער צייט, וואָס זאָל מיט זיינע אידעען אַזוי פאַרשיידנאַרטיק און אַזוי טיף האָבן געווירקט ממש אויף אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט. נאָך מער: דאַרווין האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין די עצם יסודות פון דער איצטיקער וועלטאָנשויונג. זיינע אידעען האָבן זיך אַריינגעריסן אינם אינערליכן לעבן פון מענטשליכן גלויבן און האָבן געצוווּנגען איבערצוקוקן אַלץ, וואָס האָט ביז אים קיין שום ספקות נישט אַרויסגערופן. „ווי פילסטו זיך, לעזער? — פרעגט דער באַוווּסטער זאָאָלאָג בראָן, דאַרווינס איבערזעצער אויף דייטש — דו באַטראַכסט, וואָסערע פון דיינע פריערדיקע אָנשויונגען וועגן די וויכטיקסטע נאַטור=ערשיינונגען האָט דאָס דאָזיקע בוך נישט אָנגערירט און פאַרכאַפּט? וואָסערע פון דיינע פריערדיקע איינגעפונדעוועטע איבערצייגונגען זיינען נאָך גאַנץ פאַרבליבן?“

פאַר אייניקע איז „דאַרוויניזם“ געוואָרן אַ קאַמף=לאָזונג פאַר דער באַפרייונג פונם געדאַנק און פערזענליכקייט, פאַר אַנדערע — אַן אַפּיקורסות, וואָס האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט און האַס.

מיט זעכציק יאָר צוריק, אין יאָר 1859, האָט דערזען די שיין (אין ענגליש) טשאַרלז דאַרווינס ווערק „וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די אַרטן“, וואָס האָט געשאַפן אַ נייע תקופה. וואָס פאַר אַ אינטערעס דאָס בוך האָט אַרויסגערופן, קען מען זען שוין פון דעם, וואָס די ערשטע אויפלאַגע, 1250 עקזעמפּליאַרן, איז זיך צעגאַנגען אינם זעלביקן טאָג, וואָס ס'איז וועגן דעם אַנאָנסירט געוואָרן! ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָס

בוך איז געשריבן גאַנץ טרוקן, פאַר ספּעציאַליסטן, האָט מען עס באַלד איבערגעזעצט כמעט אויף אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן, אויף העברעיש איז אפילו אָפּגעדרוקט געוואָרן אַן אַרטיקל וועגן דעם דאָזיקן בוך, און דער מחבר האָט זיך געפּלייסט צו דערווייזן, אַז אַלץ, וואָס דאַרווין האָט געזאָגט, קאָן מען געפינען אין דער תורה.

וואָס זשע איז די סיבה פון דער באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט, וואָס דאָס בוך האָט דערוועקט ? די סיבה שטעקט אין דער אויסערסט וויכטיקער באַדייטונג, וואָס עס פאַרמאָגט די פראַגע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די אַרטן פאַר אונזער גאַנצער וועלטאַנשויונג. די סיבה ליגט אויך אינם געדאַנקען־צושטאַנד פון דער צייט, ווען דאַרווינס בוך איז ערשינען.

טויזנטער יאָרן האָבן מענשן געגלויבט, אַז עס עקסיסטירט אַן איבערנאַטירליכע קראַפט, וואָס האָט באַשאַפן וועלט און מענטש, און לויט איר ווילן פירט זי מיט זיי. דער מענטש, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ נידעריקער אַנטוויקלונגס־מדרגה, האָט אויף יעדער שריט און טריט באַגעגנט וואונדער, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן מיט זיין שכל. די זון, שטערן, פּלאַנעטן, זייער פּינקטליכע באַוועגונג, דער ווינט, בליץ און דונער, די פיר צייטן פון יאָר, געוויקסן און בעלי־חיים און אַליין ער, דער מענטש מיט זיינע געפילן און ליידנשאַפטן, מיט זיינע חלומות — דאָס אַלץ איז געווען פאַר אים אַ רעטעניש, וועלכע ער האָט באַשיידן נאָר דערמיט, וואָס אומעטום האָט ער געזען די ווירקונג פון אַן איבערנאַטירליכער קראַפט.

אָט די נאַיווע וועלטאַנשויונג פונם פשוטן און פאַרפינסטערטן מענטש האָבן גאַנץ קונציק אויסגענוצט אין משך פון דער גאַנצער לאַנגער געשיכטע די עקספּלואַטירנדיקע פּריווילעגירטע קלאַסן. זיי האָבן אויף זיך גענומען די ראָלע פון ווילנס־אויסדריקער פון גאָט, פון אַ גאָט, וואָס איז פול מיט צאָרן און איז ליטזעליק, און זיי האָבן געצוווּנגען די פינסטערע מאַסן צו זיין משועבד און פאַרשקלאַפט נישט פון מורא וועגן, נאָר פון ליבע און איבערגעגעבנקייט.

דער גרויסער כוח אָבער פונם מענטש, דער כוח, וואָס האָט אים אַרויסגערוקט פאַרויס פון די רייען פון די אַנדערע אָרגאַניזמען, — דער פרייער געדאַנק — האָט אים געפירט אויך ווייטער אויפן וועג פון נצחון, נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען. דער פרייער געדאַנק האָט געגעבן

דעם מענטש די אומרוּיקע שטרעבונג צו זוכן און צו פאַרשטיין די סיבות. די אָנגעזאַמעלטע וויסנשאַפט האָט טריט נאָך טריט צעשטערט דעם גלויבן אין איבערנאַטירליכן און באַפרייט די מענשהייט פון די קייטן פון אומוויסנקייט.

אין מיטן פונם 19=טן יאָרהונדערט, אין דער צייט, ווען ס'האָט זיך באַוויזן דאַרווינס שיטה, איז די וויסנשאַפט אַוועק אַזוי ווייט, אַז אפילו די סאַמע קאָמפּליצירטע נאַטור=ערשיינונגען האָבן אָנגעהויבן פאַר=ענפערס און דערקלערט ווערן.

נאָך אינם 18=טן יאָרהונדערט האָבן צוערשט דער באַוווסטער דייטשער פילאָזאָף קאַנט און דערנאָך דער פראַנצויזישער אַסטראָנאָם לאַפּלאַס דערוויזן, אַז די אויספאָרמירונג פון דער פּלאַנעטן=סיסטעם מיט אירע האַרמאַנישע באַוועגונגען קאָן מען גאַנץ גוט דערקלערן בלויז דורך דער ווירקונג פון מעכאַנישע געזעצן. אינם סוף פונם זעלבן יאָר=הונדערט איז אויפגעקומען די וויסנשאַפטליכע כעמיע, וועלכע האט גלייך געבראַכט ביז גאר אַ וויכטיקע גרונד=הנחה פון דער נאַטורוויסנשאַפט: די מאַטעריע אין דער נאַטור ווערט נישט פונסניי געשאַפן און אויך נישט פאַרלוירן, זי בייט זיך נאר און ווערט אויף פאַרשיידענע אופנים פאַרוואַנדעלט (לאַוואַזיע). דערמיט איז אַרויסגעריסן געוואָרן דער באָדן פון אונטער דעם „וואונדער": פון גארנישט איז אוממעגליך עפּעס=וואָס צו באַשאַפן. די ווייטערדיקע ערפאלגן פון כעמיע האבן ענדגילטיק צע=שטערט די איבערצייגונג, וואס האט פריער געהערשט, אַז דער שטאָף, וואס פון אים באַשטייט דער קערפער פון בעלי=חיים און געוויקסן, אונ=טערשיידט זיך אין גרונד פונם שטאָף פון דער טויטער נאטור. ער איז נאר מער קאמפּליצירט — און גאר. צוזאַמען מיט דעם איז מעגליך גע=ווארן צו פאָרשן און צו דערגיין אַלע פראצעסן, וואס קומען פאָר אין די ארגאַניזמען פונם שטאַנדפּונקט פון כעמיע, פיזיק און מעכאַניק. מיט איין ווארט, אין מיטן פונם 19=טן יארהונדערט האבן זיך שוין קלאר אַרויסבאַוויזן די שטריכן פון דער פאזיטיווער וויסנשאַפטליכער וועלט=אַנשויונג, וואס דערפירט די טויטע און די לעבעדיקע נאַטור צו איין קייט פון סיבות און פאלגן, וועלכע שטאמען פון עצם טבע פון דער מאטעריע אָן דער ווירקונג און אָן דעם אריינמישן זיך פון איבערנאטירליכע כוחות.

די פראַגע אבער וועגן אָפּשטאַם פון ארגאַניזמען, מיט זייערע אָן א שעור פאַרב=פאַרשיידנקייטן, מיט דער וואונדערליכער קאמפּליצירטקייט

און צוועקמעסיגקייט פון זייער בוי האט אַלץ נישט אויפגעהערט צו פאַר־בלייבן אַ טיפּע רעטעניש. נאָך מער האבן פונם שטאַנדפּונקט פון גע־ווייִנטליכע נאַטור־קרעפטן זיך אַרויסגעוויזן לחלוטין נישט פאַרענטפערט די ערשיינונגען פון פסיכישן לעבן. אין דער פראַגע האבן אפילו די גרעסטע נאַטורפאָרשער, אויסער אייניקע אויסנאַמען, אנגעהויבן פונם באַוווּסטן שוועדישן נאַטוראַליסט קאַרל לינעי, זיך האַרט און פעסט גע־האַלטן ביי די ביבלישע לעגענדעס וועגן וועלט־באַשאַפונג. דער פילאָזאָף קאַנט האט געפונען, אַז דער מענטש דאַרף זיך אפילו נישט נאַרן און זיך איינרעדן, אַז ס'איז פאַראַן אַ האפענונג ווען ס'איז צו דערקלערן די צוועקמעסיקע פראצעסן, וואס פון זיי בילדעט זיך דאס לעבן אנדערש, ווי דורך דער ווירקונג פון אן איבערנאַטירליכער סיבה. בכן, האט דאס געלונגענע פאַרענפערן די פראַגע וועגן אָפּשטאַמונג פון אַרטן באַדאַרפט באַזייטיקן די לעצטע שטערונג, וואס איז געשטאַנען פאַרן מענטשליכן גע־דאַנק, און עפענען פאַרן געדאַנקען־שטראָם אַ ברייטן וועג, וועלכער קאָן נישט דורך קיינע איבערגלויבענישן פאַרהאַלטן ווערן. טשאַרלז דאַרווין איז געווען דער געניאַלער דענקער, וועמען עס איז אויסגעפאַלן אט דער גרויסער פאַרדינסט. ער האט נישט נאר צונויפגעקליבן אַ גוואַלדיק גרויסע צאָל באַווייזן, אַז די אָרגאַניזמען שטעלן פאָר איין אַלגעמיינע משפּחה און דערום קומען זיי ארויס אויפן נאַטירליכן אופן, נאר ער האט אויך גלענצענד געפּרובט צו דערקלערן זייער „עוואָלוציע“, דאס הייסט, דאס בהדרגהדיקע אַנטשטיין איינס פונם אנדערן.

עס וואָלט געווען נישט ריכטיק צו רעכענען, אַז דאַרווין האט נישט געהאט פאר זיך קיין פאָרגייער. דער גאון שאַפט קיינמאָל ניט פון גאָרנישט, ער גייט נאָר פאַרויס פאַר זיין דור. זיין שאַפונג איז אין אַ גרויסער מאָס אַן אומבאַוואוסט, דרייסט און געשיקט פאַראַלגעמיי־נערן פון דעם, וואס איז, אמת, נעפּלדיק, נאָר הויבט זיך שוין אָן אָנצוצייכענען אינם באַוווּסטזיין פון אַנדערע און האַלט ביים פאַר־ווירקליכט ווערן. די קריטישע באַציִונג צו דעם איבערנאַטירליכן אַנט־שטיין פון אָרגאַניזמען האָט זיך באַוויזן גאָר פריִער, און אַדאַנק דעם איז מעגליך געוואָרן די פאַקטישע באַגרינדונג פון דער מעכאַניסטישער וועלטאָנשויונג. און וואָס נענטער צו אונזער תקופה, אַלץ אָפטער און אָפטער האָבן זיך געלאָזט הערן געדאַנקען וועגן עוואָלוציע. צום סוף 18־טן און אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט ווערן שוין די געדאַנקען פאָר־

מירט אין באַארבעטע שיטות. דער גרויסער פראַנצויזישער זאָאָלאָג לאַמאַרק, אַ באַרימטער עוואָלוציאָניסט, האָט פאָרויסגעזען דאַרווינען אויף גאַנצע 50 יאָר. זיין ווערק „די פילאָזאָפיע פון זאָאָלאָגיע", איז, לויט אַ מערקווירדיקן צופאַל, ערשינען פונקט אינם יאָר, ווען דאַרווין איז געבוירן (1809). לאַמאַרק איז געווען אַן איבערצייגטער און קאָנסעקווענטער אָנהענגער פון דער נאַטירלעכער אָפּשטאַמונג פון אַלע אָרגאַניזמען, — נישט אויסגעשלאָסן אויך דעם מענטשן, — אָנגעהויבן פון די פּשוטסטע לעבעדיקע באַשעפענישן (אינפוזיעס), וואָס שטאַמען אַליין אויך פון טויטער מאַטעריע. די הויפּט־סיבה פון די פאַרשיידנאַרטיקע ענדערונגען אין דער אָרגאַניזאַציע האָט ער געזען, פון איין זייט — אין דער שטרעבונג, וואָס עס פאַרמאָגט יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש, צו קאָמפּליצירונג, און פון דער אַנדער זייט — אין דער דירעקטער און אומדירעקטער ווירקונג פון די פאַרשיידנסטע לעבנס־באַדינגונגען. לאַמאַרקס שיטה אָבער האָט אין זיין צייט כמעט נישט באַגעגנט קיין מיטגעפיל, און נאָך מער — ער איז בשעתו אויסגעלאַכט געוואָרן. ערשט שפּעטער, נאָכן גלענצענדיקן ערפאָלג פון דאַרוויניזם, ווען עס האָבן געזיגט די עוואָלוציע־אידעען, האָבן די אָריגינעלע געדאַנקען פון לאַמאַרקן צוגעצויגן צו זיך ווידער־אַמאָל די אויפמערקזאַמקייט, און זיי זיינען ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן [1]. אויך דאַרווין איז געווען באַקאַנט מיט לאַמאַרקס שיטה לאַנג נאָך איידער ער האָט געשאַפן זיין אייגענע טעאָריע.

מע דאַרף באַמערקן, אַז גלייכצייטיק מיט דאַרווינען, כלל נישט אָפּהענגיק פון אים, איז געקומען צו ענליכע אָנשויונגען אַ צווייטער ענגלישער נאַטוראַליסט — אַ ל פ ר ע ד ו אָ ל ע ס [2]. אַזעלכע מיני

---

1) די פראַנצויזן, וועלכע האָבן בשעתו זיך באַצויגן מיט בטול צו לאַמאַרקן, רוקן אים איצט אַרויס אַלס דעם עכטן גרינדער פון דער עוואָלוציע-טעאָריע און האָבן אים געשטעלט אַ דענקמאָל.

2) אינטערעסאַנט איז נאָך אַ צופאַל: הן דאַרווינען, הן וואָלעסן האָט אויפן געדאַנק וועגן קאַמף פאַרן קיום צופעליק אַרויפגעבראַכט איין און דאָס זעלבע בוך פון מ אַ ל ט ו ס: „וועגן דער באַפעלקערונג". וואָלעס געדאַנקען זיינען נישט געווען אַזוי גלענצענד אַנטוויקלט און באַגרינדעט, נישט דורכגעפירט אַזוי אויסגעהאַלטן און קאָנסעקווענט, ווי ס'האָט עס געטאָן דאַרווין. דעריבער בלייבט געוויינטלעך אויך וואָלעס נאָמען אין שאָטן אין פאַרגלייך מיטן גרויסן דאַרווין.

פאַקטן פון צוזאַמענטרעפן האָבן זיך נישט איינמאָל איבערגעחזרט אין דער געשיכטע פונם מענטשליכן געדאַנק: קאַנט און לאַפּלאַס האָבן באַ-שאַפן די אַנאַלאָגישע טעאָריע וועגן דעם אַנטשטיין פון דער וועלט; יוליוס ראָבערט מייער, דזשאָול, העלמהאָלץ האָבן אַנטדעקט, יעדער איינציקער גאָר זעלבשטענדיק, דעם געזעץ וועגן אייביגקייט פון ענערגיע. לאָטאַר, מייער און ד. מענדעלעיעוו האָבן גלייכצייטיק אַנטדעקט די עקסיסטענץ פון ריכטיקער אָפּהענגיקייט צווישן די אייגנשאַפטן פון כע-מישע עלעמענטן און זייער אַטאָמען-וואָג. דאָס אַלץ באַשטעטיקט נאָר דאָס, וואָס ס׳איז אויבן געזאָגט געוואָרן וועגן דעם גאון. מיט רעכט קאָן מען זאָגן, אַז נישט דער גאון שאַפט די תקופה, נאָר די תקופה שאַפט דעם גאון.

טשאַרלז דאַרווין איז געבוירן דעם 12-טן פעברואַר 1809 אין אַ פאַרמעגליכער אינטעליגענטער פאַמיליע. זיין פאָטער איז געווען אַ גוטער דאָקטער; זיין זיידע עראָזמוס דאַרווין — איז געווען באַוווּסט אין זיין צייט פאַר אַ שרייבער און פילאָזאָף. די ביאָגראַפיע פון דאַרווינען 1), ווי די ביאָגראַפיע פון רוב באַרימטע מענער, קאָן דינען פאַר אַ גענויגע אילוסטראַציע, ווי ווילד איז די שאַבלאָנע סיסטעם פון דערציונג, וואָס קאָן נישט און האלט גאָר נישט פאַר נויטיק פעסטצושטעלן און באַשטי-מען דעם נאַטירליכן באַרוף פונם קינד. עס איז שווער אַפילו אויסצו-רעכענען, וויפיל ענערגיע, צייט און פעיִגקייטן ווערן אַ דאַנק דעם געפטרט לחלוטין נישט פּראָדוקטיוו, וויפיל שאָדן דאָס ברענגט דער פערזענליכקייט אַליין און אויך דער גאַנצער געזעלשאַפט.

דאַרווינס גאַנצע שול-אַנטוויקלונג איז געווען געצילט קעגן זיינע געבוירענע נייגונגען, און נאָר דער באַזונדער לעבהאַפטיגקייט פון זיינע פעיִגקייטן האָבן מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס פון אים איז אַרויס אַ באַ-רימטער נאַטורפאָרשער. די ליידנשאַפט צו קאָלעקציאָנירן, וואָס איז פרעמד געווען די איבעריקע מיטגלידער פון זיין משפחה, די ליבע צו נאַטור און צו רייזעס, די נייגעריגקייט און די שטרעבונג צו דערגיין און צו דערקלייבן זיך צו די סיבות פון די ערשיינונגען, — דאָס אַלץ

1) וויכטיקע מאַטעריאַלן צו זיין ביאָגראַפיע זיינען געגעבן דורך דאַרווינען גופא אין זיין „אויטאָביאָגראַפיע״.

האָט זיך באַוויזן ביי דאַרוויִנען נאָך גאָר אין די קינדערשע יאָרן. און נישט געקוקט אויף דעם, האָט מען אים אָפּגעגעבן אין אַ קלאַסיִשער שול. „קיין זאַך האָט נישט געקאָנט זיין געפערליכער פאַר דער אַנטוויקלונג פון מיין פאַרשטאַנד, — דערציילט שפּעטער דאַרווין — ווי די דאָזיקע שול". אויסער די אַלטע שפּראַכן, וואָס צו זיי האָט ער נישט געפילט קיין שום אינטערעס, האָט מען אין דער שול געלערנט נאָר אַ ביסל פאַרצייטיקע געאָגראַפיע און געשיכטע. די איינציקע מעלה פון דער שול איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט, ווי ס'ווייזט אויס, נישט שטאַרק פאַרשפּרייט איר השגחה אויף דער פערזענליכקייט פון די תלמידים. דאַרווין האָט געקאָנט דעריבער שטילערהייד זיך אָפּגעבן די איינגעבוירענע נייגונגען. אגב, האָט ער אַמאָל באַקומען אַ פאָרוואורף, הלמאַי ער „פטרט אומזיסט די צייט". דאָס איז געווען, ווען ער האָט זיך פאַרנומען צוזאַמען מיט זיין ברודער מיט כעמישע עקספּערימענטן.

„אַזוי ווי פון מיין לערנען אין שול, — דערציילט דאַרווין — איז קיין גוטס נישט אַרויסגעקומען, האָט דער פאָטער גאַנץ גוט געטון, וואָס ער האָט מיך אָפּגענומען פון דער שול פאַר דער צייט און האָט מיך אָפּגעשיקט אין עדינבורגער אוניווערסיטעט". דאָ האָט דאַרווין באַדאַרפט זיך פאַרנעמען מיט מעדיצין און זיך גרייטן צו זיין אַ דאָקטער, נישט פילנדיק קיין נייגונג און באַרוף צו דאָקטעריי. די צוויי אָפּעראַציעס, וואָס אים איז אויסגעקומען זען (דעמאָלט האָט מען אָפּערירט אָן כלאָראָפאָרם) האָבן געמאַכט אויף אים אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז ער האָט נישט נאָר אויפגעהערט צו באַזוכן אָפּעראַציעס, נאָר אין משך פון עטליכע יאָר האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם איינדרוק. און אויף די טעאָרעטישע קורסן זיינען כמעט אַלע לעקציעס געווען „אומדערטרעגליך לאַנגווייליק". די לעקציעס וועגן אַנאַטאָמיע האָבן אים פשוט געעקלט.

דערפאַר אָבער האָט דאַרווין די צוויי יאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין עדינבורג, גערן באַזוכט די מער אינטערעסאַנטע לעקציעס וועגן נאַטורוויסנשאַפט, ניט אויפגעהערט צו קאָלעקציאָנירן, און אַרבעטנדיק מיט גאָר אַ נישטיקן מיקראָסקאָפּ, האָט ער אַפילו געמאַכט אַ קליינע אַנטדעקונג אין זאָאָלאָגיע. דאָ האָט ער פאַרבונדן באַקאַנטשאַפט מיט איניקע פערזאָנען, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט נאַטורוויסנשאַפט, דעמאָלט איז אים אויך אויסגעקומען פון זיינע יונגע פריינט צום ערשטן מאָל הערן, ווי יענער האָט מיט גרויס התפעלות

איבערגעגעבן וועגן לאַמאַרקס טעאָריע, וועלכע האט דאך אין יענער צייט קיין שטאַרקן איינדרוק אויף אים נישט געמאַכט. אין דער וואַקאַציע-צייט האט זיך דאַרווין מיט גרויס חשק אפגעגעבן געיעג און געפירט אַ וואַנדער-לעבן.

זעענדיק, אַז דאקטעריי איז דאַרווינען ניט צום האַרצן, האט דער פאטער אומגעביטן זיין פריערדיקן פאַרלאַנג און באַשלאָסן גרייטן זיין זון פאַר... אַ גלח.

„ווען איך גיב איצט אַ טראַכט — זאגט דאַרווין — ווי ווילד עס זיינען אויף מיר שפּעטער אנגעפאַלן די אנהענגער פון קירך, איז ממש לעכערליך דאָס, וואס איך אַליין האב געהאַט בדעה צו ווערן אַ פּאַסטאָר". און מערקווירדיק איז, אַז אין יענער צייט איז אָט דער פאַרלאַנג פון פאטער אפילו געפעלן געוואָרן דאַרווינען. כדי צוצוגרייטן זיך צום גייסטליכן שטאנד, איז דארווין אריבער אין קעמברידזשער אוניווערסיטעט (1828), און דערווייל איז אים ווידעראמאל אויסגעקומען גרינדליך לערנען די קלאסיקער, ווייל פאַר די פּאָר יאר, זינט ער האט פארלאזט די שול, זיינען אפילו די אותיות פונם גריכישן אלף-בית אים פאַר-שוואונדען פונם זכרון.

די דריי יאר, וואס ער האט פארבראכט אין קעמברידזש, זיינען אים זין פון אקאדעמישער ארבעט אויך פארלוירן געגאנגען פאר אים, פונקט ווי די יארן, וואס ער האט פארבראכט אין עדענבורג און אין דער שול. הגם ער האט פינקטליך אויסגעהאלטן די עקזאמענעס, נאר זיין באציונג צו די אפיציעלע למודים איז געוועזן א פאָרמעלע. דער אינסטינקט פון א נאטורפארשער, וואס האט געהאלטן אין איין וואקסן און שטארקן זיך, האט נישט געקוקט אויף די פאַרשיידענע מניעות, אים געצויגן צו דער נאטור. פון ביכער האט אויף אים א שטארקן איינדרוק געמאכט הומבאָלדטס „פערזענליכע ערציילונגען" און הערשעלס „אַריינ-פיר צום שטודיום פון דער פילאזאפיע פון נאטור-וויסנשאפט". די דאָ-זיקע ביכער האבן דערוועקט אין דארווינען „דעם הייסן ווילן, אויף ווי-פיל ס'ניט איז מיטצוהעלפן מיט די אייגענע באשיידענע כוחות אויפצו-שטעלן דעם גרויסאַרטיקן בנין פון נאַטורוויסנשאַפט". אונטער דער ווירקונג פון הומבאָלדטס באַשרייבונג פון „די וואונדער פון טענעריף", איז ביי אים אַנשטאַנען דאַן אַן ערנסטער פּלאַן — פּאָרצונעמען אַ רייזע קיין טענעריף. דער פּלאַן איז אבער נישט אויסגעפירט געוואָרן מחמת אַ וויכטיקער געשעעניש, וועלכע האט מיט אַ מאל צו נישט געמאַכט די

פאַרלאַנגען און האפענונגען פון דאַרווינס פאטער.

אין קעמברידזש האט זיך דאַרווין באַקאנט מיט אייניקע פראפע־סארן־נאַטוראליסטן. אונטער זייער אָנפירונג האט ער געמאכט באָטאַנישע און געאָלאגישע עקסקורסיעס. באזונדערס האט זיך דארווין דערנענטערט מיט פראפ. גענסלאָ, וועלכער האט געשפילט אַ וויכטיקע ראלע אין זיין ווייטערדיק לעבן.

אין 1831־טן יאר האט די ענגלישע רעגירונג אויסגעריכט די שיף „ביגל" מיטן קאפיטאן פיץ־ראָי אין דער שפיץ, אויסצופארשן די ברעגן פון דרום־אַמעריקע און אייניקע אינזלען פונם שטילן אָקעאַן. קאַפּיטאַן פיץ־ראָי האט געבעטן גענסלאָ, ער זאל אים רעקאמענדירן אַ יונגן מאַן, וואס זאל מסכים זיין צו פארן אומזיסט אויפן „ביגל", ווי א נאטוראליסט. גענסלא האט עס פארגעלעגט דארווינען, וועלכער האט מיט פרייד מסכים געווען.

נאך דעם, ווי ער איז דורכגעקומען מיט זיין פאטער, וואס איז לכתחילה קאַטעגאריש געווען קעגן דער נסיעה [1], האט דארווין זיך אוועקגעלאזט אין דער רייזע, וואס האט געדויערט כמעט 5 יאר, פונם 27 דעצעמבער 1831 ביז 2 אקטאבער 1836.

די דאזיקע רייזע ארום דער וועלט אויפן שיף „ביגל" האט סוף כל סוף באשטימט דעם כאראקטער פון טשארלז דארווינס ווייטערדיק לעבן. פון אַ 22 יאריקן קאנדידאט אויף א פאַסטאָר האט די רייזע גע־מאכט דעם גרויסן גרינדער פון דער עוואלוציע טעאריע. די זוימען פון די אלגעמיינע אידעען, וואס זיינען אַמאל פאַרזייט געווען אין זיין מוח

---

1) דער פאָטער האָט איינגעפונען, אַז פאַר אַ צוקונפטיקן גייסטליכן איז נישט פּאַסיק אַזאַ אָנשטענדיק פאַרנעמען אַזאַ „ווילדן" פּלאַן, ווי צו לאָזן זיך וואַנדערן איבער ימים. ער האָט אויך געפונען, אַז אַזאַ רייזע וועט אויף שטענדיק אָפּשלאָגן בײַם זון דעם חשק צו פאַרנעמען זיך מיט ערנסטע ארבעט. חוץ דעם, וועט ער נאָך דער רייזע פון ס'ניי מוזן טראַכטן „וועגן וואָסער ס'איז פּראָפעסיע". צולעצט האָט דער פאָטער נאָכגעגעבן נאָר אַ דאַנק דער עצה פון טש. דאַרווינס אַ פעטער, וואָס האָט, משמעות, ריכטיקער פאַרשטאַנען דעם באַרוף פון זיין פּלימעניק. — דאַרווינס רייזע איז שיער נישט בטל געוואָרן מחמת אַן אַנדער סיבה: פיץ־ראָיען, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פיזיאָנאָמיסט, איז נישט געפעלן געוואָרן דאַרווינס נאָז. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דאַרווינס צוקונפט האָט זיך גע־ווענדט פון אַ פּשוטן צופאַל: פון דעם אַלץ, וואָס איז דערציילט, זעט מען, אַז דאַרווין אַליין האָט נאָך פריער פאַרטראַכט צו רייזן, און געוויס וואָלט ער עס פאַרווירקליכט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן.

דורך די צופעליקע אנפירער, האבן איצט געפונען א גינסטיקן באדן און האבן געגעבן א רייכע גערעטעניש. פון דער רייזע זיינען פארבליבן ערינערונגען אין דארווינס טאג־בוך, וועלכער לייענט זיך אויך איצט מיט לעבעדיקן אינטערעס, ווי א גוטע וויסנשאפטליכע דערציילונג. דאס, וואס דארווין האט געזען אויף דער רייזע איז אויף שטענדיק פארבליבן אין זיין זכרון. „די פרעכטיקע בילדער פון די טראפישע געוויקסן, — דערציילט דארווין אויף דער עלטער אין זיין אויטאביאגראפיע — שטייען נאך איצט פאר מיינע אויגן מיט מער קלארקייט, ווי וואסערע ס׳איז אנדערע ערינערונגען. אויך די גרויזאמע מדבריות פון פאטאגאניען און די מיט וואלד־באקרוינטע בערג פון פייער־לאנד האבן געמאכט אויף מיר אן איינדרוק, וואס וועט קיינמאל נישט פארגעסן ווערן. דאס בילד פון א נאקעטן ווילדן מענטשן אין זיין היימישן לאנד — איז אזא באדייטענדיקע ערשיינונג, וואס ביזן סוף לעבן קאן מען דאס נישט פארגעסן“...

דארווין האט זיך אומגעקערט אהיים שוין מיט א נאמען פון א פילפארשפרעכנדיקן געלערטן, און זיין גאנץ ווייטערדיק לעבן האט ער אפגעגעבן דער וויסנשאפט. זיין געזונט־צושטאנד, וואס איז צעשטערט געווארן בעת דער רייזע, האט אים געצוואונגען צו פארלאזן די שטאט. נאך זיין חתונה האט ער זיך באזעצט אינם שטילן שטעטל דאון. דא, אין דער דארפישער שטילקייט, האט ער אנגעשריבן א גאנצע רייע באדייטנדיקע ווערק, וועלכע באריִרן אזוי אדער אנדערש די גרונד־אידעען וועגן עוואלוציע פון ארגאניזמען. דאס וויכטיקסטע ווערק זיינע „די אפשטאמונג פון די ארטן“ האט ערשיינט אין נאוועמבער 1859. די זעלבע טעמע באריִרן דירעקט אויך די צוויי אנדערע גרויסע ווערק זיינע: „ענדערונגען פון חיות און געוויקסן דורך קולטיווירונג“ און „אפשטאמונג פונם מענטשן און געשלעכט־אפקלייב“. א מער ווייטערדיקע שייכות צו דער טעמע האבן די ווערק: „דאס צופאסן פון ארכידייען באפרוכפערט צו ווערן דורך אינזעקטן“, „וועגן דעם געפילן־אויסדרוק ביים מענטש און בעלי־חיים“. מ׳דארף באמערקן, אז אט די אלע אויספארשונגען, וואס דינען ווי אן אילוסטראציע צו דארווינס אלגעמיינע הנחות, האבן אין דער זעלבער צייט געהאט א וויכטיקע באדייטונג אויך אין דער געהעריקער ספעציעלער ליטעראטור, עפנדיק דערביי גאר נייע געביטן.

„דאס שטילע דאָרף איז געוואָרן די מעקאַ 1) פון דער געלערטער
וועלט: די בערימטסטע מענטשן פון פאריזן יארהונדערט האבן געהאַלטן
פאַר אַ כבוד צו באזוכן דעם אונערשטערבליכן דענקער“ (גראנט=אַלען).
טשאַרלז דאַרווין איז געשטארבן דעם 12=טן אפריל 1882 אין דאָרף,
ווו מ'האט אים באגראבן נעבן דעם צווייטן בארימטן ענגלישן געלערטן
א. ניוטאן. זיין לויה איז געווען איינגעארדענט מיט אזא פייערליכקייט,
וואס דערצו זיינען אין ענגלאנד זוכה אויסשליסליך די, וואס זיינען בא=
זונדער געשעצט און געאכט פון דער קירך. בארימטסטע פארשטייער פון
וויסנשאפט, דעפוטאציעס פון וויסנשאפטליכע געזעלשאפטן, פארשטייער
פון פארשיידענע מלוכות און אַן אָנצאליק פובליקום פון פארשיידנסטע
געזעלשאפטליכע שיכטן האבן באגלייט די טרונע. די ידיעה וועגן דאר=
ווינס טויט האט זיך צעטראגן איבער גאר דער וועלט, און אומעטום
האט זי ארויסגערופן טרויער און פאַרער=געפילן צום אָנדענק פונם
גרויסן געלערטן.

די בילדער, וואס זיינען אדורכגעגאנגען פאר דארווינס אויגן
בעת דער רייזע אויף דער שיף „ביגל“, האבן אים געבראכט צו דער
פעסטער איבערצייגונג, אז אָרגאניזמען ענדערן זיך, און אז זיי אנט=
שטייען איינער פונם אנדערן דורכן נאטירליכן פראצעס פון פארענדע=
רונגען. „באזוכנדיק, זאגט ער, די אינזל=גרופע גאלאפאגאסן, וואס
געפינט זיך אויפן שטילן אקעאן, א 500 מייל ווייט פון די אמערי=
קאנער ברעגעס, האב איך באגעגנט אָריגינעלע מינים פון פויגלען,
שרצים און געוויקסן, וואס זיינען נישט בנמצא אין קיין שום אנדער
אָרט אויף דער וועלט, און דאך האבן אם די אלע אַרטן געטראגן אויף
זיך אַן אמעריקאנישן אויסדרוק. אינם ליד פונם שפּאָט=פויגל, אין דעם
הייזעריקן געשריי פונם ברוינעם בער, אין די גרויסע קאַקטוסן, וואס
זיינען ענליך צו קאַנדעליאברעס, האב איך קלאר געזען די נאענטע
שכנותשאפט מיט אמעריקע, הגם די אינזלען זיינען אפגעטיילט דורך
דעם אָקעאן אויף אזא גרויסער צאל מייל פונם קאנטינענט און זיי
שיידן זיך פון אים שטארק אפ דורך זייער געאלאגישן בוי און קלימאט.
נאך וואונדערליכער איז, וואס דאס רוב איינוווינער פון יעדן איינציקן
אינזל פון דער דאזיקער נישט איבעריק גרויסער אינזל=גרופע האבן
זיך אויסגעצייכנט דורך באזונדערע אַרט=סימנים, הגם זיי האבן ארויס=

1) די הייליקע שטאָט פון די מחמדאַנער.

געוויזן גאנץ נאענטע קרובהשאפט צווישנאַנאַנד. דער דאזיקער אַרכי־
פעלאַג מיט זיינע אָנצאָליקע קראַטערס און הוילע לאַווע־שטראמען איז
גאר נישט לאנג אנטשטאנען, און איך האב זיך גלייך פאָרגעשטעלט, אז
איך בין איבערגעטראגן צום סאמע אַקט פון מעשה־בראשית. און אפט־
מאל האב איך זיך געשטעלט די פראגע, ווי ארום האבן זיך געקאנט
באווייזן אט די ביז גאר אריגינעלע בעלי־היים און געוויקסן. דער
בשוטסטער ענפער דערויף איז, דאכט מיר, פאלגענדער: די איינוווינער
פון די פארשיידענע אינזלען קומען ארויס איינער פונם אנדערן און זיי
זיינען געווען אונטערגעווארפן בהדרגהדיקע פאַרענדערונגען אין משך
פון כסדרדיקן דורות־גאנג און זיי אלע קומען ארויס פונם גרויסן
קאָנטינענט, פון אמעריקע, פון וואנען די איינוווינער האבן געוויס גע־
קענט אהער פארווארפן ווערן... און נאך איידער איך האב באזוכט די
גאלאפאגאס־אינזלען, רייזנדיק פון צפון קיין דרום, ביי ביידע זייטן פון
אמעריקע, האב איך צונויפגעקליבן פיל בעלי־חיים, און אומעטום, ביי
אזעלכע פאַרשיידענע לעבנס־באדינגונגען, וועלכע מ׳קאן זיך נאר פאר־
שטעלן, האב איך באגעגנט אמעריקאנישע פארמען לויט איינע און די
זעלבע הויפט־מינים, נאר איין אַרט האט זיך פארביטן מיט אַן אנדער
אַרט. איך האב דאס געפינען, ארויפגייענדיק אויף די קארדילערן און
ארייננדרינגענדיק אין דעם געדיכטן טראָפּישן וואלד, אדער פארשנדיק
די זיס־וואסערן פון אמעריקע. דערנאך האב איך באזוכט אנדערע לענ־
דער, ווו אלע לעבנס־באדינגונגען זיינען ניט אין אַן ערך מער ענליך
צו די, וואס אין באשטימטע טיילן פון דרום־אמעריקע, איידער די
פארשיידענע טיילן פון דעם דאזיקן קאנטינענט זיינען ענליך איינע צו
די אנדערע; אין אט די אלע לענדער, אין אווסטראליע און דרום־אַפ־
ריקע, למשל, איבעררַאַשט דאך דעם רייזענדער דער טיפער אונטערשייד
צווישן זייערע באשעפענישן. דא האט זיך ווידער גאר נישט ווילנדיק
באקומען די זיכערקייט, אז נאר דאס געמיינזאמע אַנטשטיין פון די
פריערדיקע איינוווינער, אדער פון קאלאניסטן, וואס שטאמען פון
דרום־אמעריקע קאן דערקלערן דאס, וואס אין דעם דאזיקן גוואלדיק־
גרויסן געביט הערשן דאס רוב אמעריקאנישע טיפּן... ס׳איז גענוג מיט
אייגענע הענט ארויסצוגראבן ביינער פון די גיגאנטישע אויסגעשטאר־
בענע פירפיסיקע, כדי די גאנצע פראגע וועגן דער בהדרגהדיגקייט פון
אַרטן זאל פאר אונז קלאר און דייטליך ווערן. איך האב געפונען אין
אמעריקע אומגעהויער גרויסע שטיקער פון געהאַפּטן פאַנצער, אינגאנצן

ענליך, נאר אין א גאר גרעסערן מאסשטאב, צו דעם פאנצער, וואס באַדעקט דעם איצטיקן פּיגמעי אַרמאַדיל 1). איך האב געפונען אומגעהויער גרויסע ציין, אינגאנצן ענליך צו די ציין פונם איצטיקן פוילענצער און ביינער, אינגאנצן ענליך צו די ביינער פונם ים-חזירל. קלאר, אז אט די פאקטן און פיל ענליכע צו זיי קאן מען דערקלערן נאר ארויסגעענדיק פון דער השערה, אז די אַרטן ענדערן זיך פאמעליך און בהדרגה, און אט די פראגע האט פון דעמאלט אָן מיך נישט אפגעלאזן".

שטעלנדיק זיך אַן אויפגאבע צו דערקלערן אט די פראגע, האט דאַרווין באַשלאסן פלייסיק און זארגעוודיק צו קלייבן די פאַרשיידנסטע מאַטעריאַלן, וואס האבן וואסערע ס'איז שייכות צו די פאַרענדערונגערשיינונגען ביי בעלי-חיים און געוויקסן, הן אין זייער שטוביקן, הן אין זייער נאַטירליכן צושטאַנד. ער האט געאַרבעט, ווי ער דריקט זיך אליין אויס, „אין עכט-בעקאָנישן גייסט" 2), אָן וואָסער ס'איז פאָרויסבאַשטימטער טעאריע, באַנוצנדיק געדרוקטע מאטעריאלן, און מאטעריאלן, וואס ער האט באקומען פון געניטע בהמות-האדעווער און גערטנער, און אויך מאכנדיק זעלבשטענדיקע פארשונגען און עקספּערימענטן. אויף וויפיל געוויסנהאַפט און פאָרזיכטיק דאַרווין האט זיך באצויגן צו זיין אויפגאבע, זעט מען דערפון, וואס צוטרעטנדיק צו זיין ארבעט אין יאָר 1837, האט ער ערשט אין 20 יאר ארום (1858), און דאס אויך א דאנק די פאדערונגען פון אנדערע, צוערשט געמאכט א קורצע מיטטיילונג וועגן די רעזולטאטן פון זיין ארבעט! דעם טריומף פונם דארוויניזם האט אָן ספק אין א גרויסער מאָס מיטגעהאלפן די גענויע און פונקטליכע דורכגעטראכטקייט פון יעדער הנחה אין „דער אָפּשטאַמונג פון אַרט". דאס גאנצע בוך איז „איין, ביז גאר אויסגעהאלטענער ארגומענט" לטובת דער טעאריע פון נאַטירליכער אַרטן-אַנטוויקלונג.

עס איז אבער ווייניק געווען צו באַווייזן, אז דער עוואלוציע-שטאַנדפונקט ביי דער אַרטן-אָפּשטאַמונג פון געוויקסן און בעלי-חיים ווערט דיקטירט דורך די אלע צוזאַמענגענומענע פאַקטן. עס איז נויטיק געווען צו געבן אויך אַ באַשטימטן ענפער אויף דער פראגע, ווי אזוי,

1) אַ חיה, וואָס איז באַדעקט מיט האַרטע שינדלען ווי אַ פּאַנצער

2) בעקאָן האָט געשאַפן די גרונד-מעטאָדע פון דער איצטיקער נאַטור-וויסנשאַפט, וואָס גייט שטענדיק אַרויס פונם פונקטליכן אויסשטודירן די פאַקטן און ווײַטער אָביעקטיוון פּועל-יוצא.

אויף וואָסער אופן קומט פאָר די אויסבילדונג פון נייע אַרטן, דערקלערן, אויף וואָסער אופן האָט געקאָנט אַנטשטיין אַזאַ קאָמפּליצירטער און צוועקמעסיקער בוי פון אָרגאַניזמען, אָן דער ווירקונג פון אַ באַוווסטזיניקן כוח. אויך אויף דער פראַגע האָט דאַרווינען זיך איינגעגעבן צו ענטפערן, אויב נישט אין אַ פאַרענדיקטער פאָרם, איז יעדנפאַלס גאר געלונגען, מען קאָן זאגן, גלענצענד. ער האט דער ערשטער געגעבן אַ קלארן איינפאַכן שליסל צום נאַטורגעשיכטליכן פאַרשטיין די וועלט=האַרמאָניע.

ביים שטודירן די פאַרענדערונג=ערשיינונגען, האט דארווין קאנצענטרירט זיין אויפמערקזאמקייט אויף די שטוביקע בעלי=חיים און געוויקסן, ארויסגייענדיק פון דעם, אז די רעזולטאטן, וואס וועלן זיך באקומען דערביי, וועלן ווארפן ליכט אויך אויף דער אלגעמיינער לייזונג פון דער פראגע. דער פאקט, אז דאס רוב פון די שטוביקע בעלי=חיים שטעלן איצט פאר אָן א שעור אַרטן, קאן דערקלערט ווערן אויף צווייערליי אופנים: אדער זיי אלע קומען ארויס גאר אומאָפהענגיק איינס פונם אנדערן פון אזא מין צאל ווילדע מינים, אדער וועניקסטענס, א טייל פון זיי האט זיך אויסגעבילדעט נאר אין שטוביקן צושטאנד פון געמיינזאמע עלטערן. די ערשטע סברא האלט אָן ספק נישט אויס קיין קריטיק: „טראכטענדיק אזוי, מוזן מיר קומען צום באשלוס, אז אין אייראפע נאר האבן עקסיסטירט ביז צוואנציק אַרטן ווילדע באהאָרנטע בעלי=חיים, אזא מין צאל אַרטן פון שעפסן, עטליכע אַרטן ציגן אין איין אייראפע און אויך עטליכע אַרטן אויפן שטח פון גרויס=בריטאניען“.

און טאקע, דארווינס פארשונגען האבן מער אדער וועניקער אויף זיכער דערוויזן די אָפשטאמונג פון טויבן, הינער און אייניקע אנדערע בעלי=חיים פון געמיינזאמע עלטערן. באזונדערס איז גרויס די פארשיידנארטיגקייט ביי טויבן: „עס איז אינדעראמתן ווונדערליך דערביי, — רופט אויס דארווין, — דער מינים=אונטערשייד ביי די שטוב=טויבן פון פארשיידנסטע סימנים. אזוי, למשל, צייכנט זיך אויס דער *ענגלישער לויפער* דורך זייער א לאנגן שנאבל און דורך א פליישאָנוואקס אויפן קאפ. דער *קורץ=שנאָבלדיקער טומלער*, פארקערט, דערמאנט מיט זיין שנאבל דעם פינק. דער *געוויינליכער טומלער* איז באוווסט מיט זיין באזונדער אַרט פליען; ער הויבט זיך אַויף זייער הויך, האלט זיך גרופעסווייז און דערנאך פאלט ער פון

דער הויך, קוליענדיק זיך מיטן קאפ אראפ. די שפאנישע אדער רוימישע טויבן צייכענען זיך אויס דורך גרויסן ווקס, דורך א לאנגן דיקן שנאבל און דורך לאנגע פיס. די אנגעבלאזענע טויבן האבן א גאנץ אויסגעצויגענעם קערפער, פליגלען און פיס און דער עיקר — א שטארק אנטוויקלטן קראפ (וואליע), וועלכן זיי בלאזן אן מיט גאוה, „ארויסרופנדיק דערמיט באוואונדערונג און אפילו געלעכטער". ביי דער יאקאבינער טויב זיינען די פעדערן אונטערן האלז אויף אזוי פיל פארדרייט, אז זיי בילדן א מין הויב...

דער טרומייטער און שפאטער האבן, ווי עס ווייזן זייערע נעמען גופא, אזעלכע שטימען, וואס זיינען להלוטין נישט ענליך צו די שטימען פון אנדערע מינים. ביי די טרומייטער-טויבן באשטייט דער עק פון 30 אדער 40 פעדערן, אנשטאט געוויינליכע צוועלף פעדערן; דערביי זיינען די פעדערן צעשויבערט, ווי ביי אן אינדיק. ביי איינצעלנע מינים פון שטוב-טויבן זיינען פאראן גאר גרויסע אונטערשיידן נישט נאר אין דעם אויסערן אויסזען, נאר אויך אינם געבוי פונם קערפער. „סך-הכל וואלט מכן געקאנט אנקלייבן א צוואנציק פארשיידענע טויבן, וואס יעדער ארניטאלאג (פארשער פון פויגלען), ווען מ'וואלט אים געזאגט, אז די פויגלען זיינען געפונען געווארן אין ווילדן צושטאנד, וואלט אנערקענט אין זיי גוט כאראקטעריזירטע ארטן. נאך מער, ס'איז א ספק, צי וואלט וואסער ס'איז ארניטאלאג פארעכנט אפילו דעם ענגלישן לויפער, דעם קורצשנאבלדיקן טומלער, די שפאנישע טויב, די אינדישע טויב, דעם טרומייטער אין איין און דעם זעלבן מין".

נאר ווי גרויס עס איז נישט דער אונטערשייד צווישן די שטובי-קע טויבן-מינים, קאן מען דען צווייפלען, אז זיי אלע קומען ארויס פון איינע עלטערן — פון דער ווילדער טויב, וואס איז זייער ענליך צו א געוויינליכער גרוי-בלויער טויב, וועלכע מ'באגעגנט נאך ערגעץ-ווו אויף אינזלען און ביי די פעלזן-ברעגעס פון מערב-איירא פע. דעם דאזיקן געדאנק באשטעטיקן הן די טעארעטישע הנחות און הן די די-רעקטע עקספערימענטן. אזוי ווי די שטוב-טויבן בויען נישט זייערע נעסטן אויף בוימער און נישט גערן אפילו זעצן זיי זיך אויף זיי, האבן זייערע עלטערן געקאנט געערן נאר צו די ארטן, וואס האבן געוווינט אויף פעלזן, בעת פון די מינים, וואס זיינען איצט באקאנט, פארמאגט די באזונדערע סימנים פון שטוב-טויבן נאר די אנגערופענע טויב. און אזוי ארום וואלט אויסגעקומען צו דערלאזן דעם געדאנק, אז די ווילדע

עלטערן פון דאס רוב שטוּב־טויבן האבן זיך ביז איצט פארבארגן פון די פאָרשער, אדער זיי זיינען אָן א שפור אויסגעשטארבן. נישט דאס ערשטע און נישט דאס צווייטע איז לחלוטין נישט מעגליך. פון דער צווייטער זייט, באַווייזן זיך צופעליק ביי אלע שטוב־מינים, סיי ביי די ריינע, סיי ביי די געמישטע, די באַפאַרבונג און אלע באַזונדער־קייטן פון דער אנגערופענער טויב.

דאס זעלבע איז אויך בנוגע צו די הינער־מינים, וואס זיינען, פונקט ווי די טויבן, אויך זייער פארשיידנאַרטיק. דארווין קומט צום באַשלוס, אַז זיי אלע שטאמען פון איין ווילדן אַרט — די **באנקיווער אינער.**

אויף וואסער זשע אופן איז פארגעקומען די אויסבילדונג פון די שטוביקע מינים, וואס עס האט זיי אזוי שטארק אפגעווענדעט פון זייער פריערדיקן טיפ? א טייל פון די רעזולטאטן קאָן פאַרעכנט ווערן אויפן חשבון פון די דירעקטע ווירקונגען פון די אויסערליכע תנאים און אויך פון די איבונגען אדער נישט איבונגען פון די אדער יענע ארגאנען, נאר „מ׳דארף זיין, זאגט דארווין, זייער דרייסט צו פאררעכענען דעם אונטערשייד צווישן דעם משא־פערד און דעם גאַלאָפּיר־פערד, צווישן דעם ווינט־הונט און דעם שפיר־הונט, צווישן דער טויב — דעם לויפער און דעם טומלער, אויסשליסליך נאר אויפן חשבון פון אט די ווירקונגען". איינע פון די הויפּט־באזונדערקייטן פון אונזערע שטוביקע מינים ליגט אין דעם, וואס מיר זעען אין זיי אָן שום ספק צופאסונגען, אבער נישט לטובת די בעלי־חיים און געוויקסן גופא, נאר צוליב די באדערפנישן פונם מענטשן. אין אייניקע פאלן האבן די פאַרענדערונגען, וואס זיינען געווען נוצליך פארן מענטשן, געקאנט קומען פלוצים, מיט־אַמאל, אין דאס רוב פאלן אבער קאן מען אזא מין מיטל פון אַנט־שטייונג נישט דערלאזן. „דער שליסל צו פאַרענפערן עס ליגט אין דער מאכט פונם מענטשן און אין זיין מעגליכקייט אנצוזאמלען די ענדערונ־גען דורך דעם אָפּקלייב: די נאטור שאַפט בהדרגהדיקע ענדערונגען, דער מענטש זאמלט זיי צונויף און שטעלט זיי איין אין באשטימטע, נוצליכע פאר אים ריכטונגען. אין דעם פרט קאן מען זאגן, אז אליין דער מענטש שאפט פאר זיך נוצליכע מינים".

די הויפט־זאך פונם אָפּקלייב באַשטייט אין דעם, וואס צוליב דער פאַרמערונג ווערן איבערגעלאזן נאר די זכרים און נקבות, וועלכע פאַרמאגן די מעלות, וואס זיינען פאַרן מענטשן געוווּנשן; די איבעריקע

ווערן גאנץ פלייסיק באַזייטיקט. פארקערט, ביי אומאָרדענטליכן פּאָרן זיך ווערט דער סימן, וואס באַווייזט זיך, ווידער פאַרשווונדן ביי די קומענדיקע דורות. די פאַרשיידנסטע באַאָבאכטונגען, וואס ווערן גע־בראַכט ביי דאַרווינען, באַווייזן, אז די אינדיווידועלע אומענדערונגען ביי די שטוביקע מינים קאָנען זיך ארויסווייזן אין אלע באַזונדערע סימנים און, אויף אַזא אופן, איז שטענדיק דער מאטעריאל פאַרן אָפּ־קלייב א קלארער און בולטער.

אין איצטיקער צייט ווערט דער אָפּקלייב דורכגעפירט דורכן מענטשן גאנץ באַוווסטזיניק און פּלאַנמעסיק. די גענייטע האָדעווער זעען אינם אָפּקלייב „דעם כשוף־שטעקן, וואס מיט זיין הילף קאן מען ארויס־רופן צום לעבן די געווונשענע פארמען". און צוליב אט די צוועקן באַ־נוצט מען נישט נאר די בולט אויסגעדריקטע פאַרשיידנאַרטיקע וואַרי־אַציעס, גאר אויך די מינדסטע אפּווענדונגען אינם געווונשענעם פּרט, אָנקלייבנדיק זיי בהדרגה אין משך פון גאנצע דורות. דער אָפּקלייב האט עקסיסטירט אין אלע צייטן, אויך פריער, אין דער אומבאוווסטזיני־קער פארם, ווי א רעזולטאט פונם נאטירליכן ווילן אפּצוהיטן און צו אַנטוויקלען דער עיקר די מינים, וועלכע געפעלן צום מערסטן אדער באַפרידיקן בעסער די פאדערונגען. אזוי ווי דער אומבאַוווסטזיניקער אָפּקלייב האט געדויערט אין משך פון פיל־פיל דורות, קאן מען זאגן, אז אים האט מען דער עיקר צו פאַרדאנקען די טיפע ענדערונגען ביי די שטוב־מינים.

פון דעם אויספיר, וואס איז געמאכט געווארן בנוגע צו די שטוב־חיות און געוויקסן, האט דאַרווינס געדאנק געמאכט א געניאַל׳ן שפּרונג צו דעם, וואס עס קומט פאָר אין דער נאַטור.

די פאַרשיידנסטע אינדיווידועלע אָפּווענדונגען פון דער פאָרם פון די עלטערן, ענליך צו די, מיט וועלכע עס האט צו טון דער קינסט־ליכער אָפּקלייב, זיינען פאַראַן אויך ביי די ווילדע חיות און געוויקסן. די אָפּווענדונגען באַרירן אויך די זעלביקע פאַרשיידענסטע סימנים, ביים פאַרהיטן פונם פאָרן זיך געבן זיי זיך איבער בירושה און, סומירנדיק זיך, וואָלטן זיי געקאנט געבן די געווונשענע באַזונדערקייט אינם בוי.

די גאַנצע שווערקייט באַשטייט אין דעם, צי מ׳קאן אנווייזן אין דער נאטור אַזאַ קראַפט, דורכויס אַ בלינדע און אומבאַוווסטזיניקע, וואס זאל, ווי דער מענטש, פאַרהיטן אין משך פון פיל דורות, אייניקע

מינים און באַזייטיקן אַנדערע אַלץ אין איין ריכטונג?

אט די קראַפט האט דאַרווין געפונען אינם קאַמף פאַר עק־סיסטענץ און אינם נאטירליכן אָפּקלייב, וואס שטאַמען פון דעם קאמף. „זייער גיך האב איך זיך איבערצייגט — זאגט ער אין זיין „אויטאביאָגראַפיע“, — אַז דער אמתער שליסל צום באָדן, אויף וועלכן עס באַזירט זיך דער גאַנצער ערפאלג פונם מענטשן אינם אַנ־בּרקענען די נוצליכע מינים חיות און געוויקסן, ליגט אין דעם אפקלייב. נאר אויף וואָסער אופן האט די הנחה פונם אָפּקלייב געקאנט צוגע־פּאַסט ווערן צו די אָרגאַניזמען אין נאַטירליכן שטאַנד, איז לאנג נאך דעם געבליבן פאַר מיר א רעטעניש. אין אקטאבער 1838, אין 15 חדשים ארום נאך דעם, ווי איך בין צוגעטרעטן צו מיין סיסטעמאטישער אויס־פארשונג, האב איך פון פארגעניגן וועגן דורכגעלייענט מאַלטוסעס בוך „וועגן באַפעלקערונג“. זייענדיק צוגעגרייט דורך מיינע דויערענדיקע באַאָבאַכטונגען אויף דעם אַרט לעבן פון געוויקסן און חיות, האב איך אָפּגעשאַצט דעם גאַנצן באַטייט פונם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, וואָס קומט פאָר אומעטום, און פלוצים בין איך דערשטוינט געוואָרן פונם געדאַנק, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען מוזן די נוצליכע ענדערונגען פאַרהיט ווערן און די אומנוצליכע — פאַרשווונדן ווערן.“

מאַלטוס אַנטוויקלט אין זיין בוך דעם געדאנק, אז א דאנק די נאַטירליכע געזעצן קומט פאָר די פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג אָן א שיער גיכער, ווי דער וווקס פון די דערנערונגס־מיטלען. דאס ברענגט אומאויסמיידליך דעם פעריאָדישן, אומגעהויערן איבערוווקס פון דער באַ־פעלקערונג, און נאך דעם קומט די נישט־גענוגע דערנערונג, אָרעמקייט, שלאַפקייטן און שטאַרבליכקייט פונם באַפעלקערונגס־עודף. מאַלטוסעס געדאַנקען האבן פאַרגיכערט דעם גאנג פון דאַרווינס שאַפן. עס וואלט אבער, אָן ספק, געווען כלל נישט ריכטיק צו טראַכטן, אז אָן מאַלטוסן וואלט נישט געווען דאַרווינס שיטה. ווען מאַלטוסעס בוך וואלט אפילו נישט אַריינגעפאַלן דאַרווינען אין די הענט, וואלט געוויס וואָסער ניט איז אַנדערער גליקליכער צופאַל געבראַכט דערצו, אז זיין שאַפן וואלט אַנטפלעקט ווערן.

„דער קאמף פאר עקסיסטענץ שטאַמט אומאויסמיידליך פון דער אַסטיקער פּראָגרעסיע, אין וועלכער אלע־ארגאַנישע באַשעפענישן שטרעבן צו פאַרמערן זיך. יעדער באַשעפעניש, וואס ברענגט ארויס אין משך פון זיין לעבן עטליכע אייעלעך אדער זאָמען, מוז אומאויסמיידליך

אומקומען אין וואסער ניט איז עלטער פון זיין לעבן, אין וואָסער ניט איז צייט אינם יאר, אדער, צולעצט, אין וואָסערע ניט איז צופעליקע יאָרן. אַנדערש וואלט די צאל פון דעם באַשעפעניש אויפן סמך פון דער געאָמעטרישער פאַרמערונגס־פראָגרעסיע 1) דערגרייכט אַזאַ מין צאָל, אז קיין איין לאנד אין דער וועלט וואָלט נישט געקאנט דערנערן אדער אויפהאַלטן זיינע קומענדיקע דורות... אפילו דער מענטש, וואס פאַרמערט זיך פאמעליך, ווערט אין פאַרלויף פון 25 יאָר געטאָפּלט אין צאל און ביי אַזאַ פראָגרעסיע וואלט אין משך פון טויזנט יאָר פאַר זיין דור נישט געקלעקט קיין אָרט, ווו צו שטיין! לינעי האט אויסגערעכנט, אז ווען וואָסער ניט איז איינייאָריק געוויקס וואלט געבראכט צו צוויי זאָמען (און עס איז דאך נישטא קיין געוויקס מיט אַזאַ שוואַכער פראָדוקטיווי־טעט), וואלט זיין דור אין 20 יאָר ארום דערגרייכט ביז א מיליאן. צו אָסערע, אינדעראמתן, קאָלאָסאַלע ציפערן עס קאָן דערגרייכן די פאַרמערונג, קאן מען משפטן פון דעם, אז אין איין גרויסער ווייספיש דערגרייכט די צאל רויגן אדער אייעלעך געוויס ביז 20 מיליאן! אייך בלאַט נאר פון א געוויינליכן שילד־פאָרמיקן פעדערגראָז גיט ארויס ביז 14 מיליאן ספאָרן.

אויף אַזאַ אופן איז קיין ספק נישט, אַז די גרעסטע צאל פון די צוקונפטיקע אָרגאַניזמען ווערן פאַרלענדט, און נאר גאר א קליינע צאל פון זיי פאַרבלייבט לעבן. דערפון שטאַמט ארויס אַן אומגעהויער וויכ־טיקער לאָגישער אויספיר. דאס, וואס קומט פאר אין דער נאטור יעדע שעה, יעדע מינוט, קאן מען אָנשוויליך צוגלייכן צו דעם, וואס עס קומט פאָר אין געוויינליכן לעבן, ווען אויף איין וואַקאַנטן אָרט קומען צענד־ליקער קאַנדידאַטן. פאַרשטייט זיך, אז נאר איינער פון זיי איז דער גליקליכער, וואס פאַרנעמט דעם אָרט. נאר בעת דאָ באַשטימט דעם אָפּ־קלייב סוף כל סוף דער קאַפּריז פונם מזל, קאן אינם קאמף פאַר דער עקסיסטענץ, וואס קומט פאר אין דער נאַטור, האבן א באַדייטונג נאר דער ווירקליכער, אפשר גאר אומבאַדייטנדיקער אונטערשייד אין דעם אדער אַנדערן פּרט. עס לעבן איבער נאר די, וואס א דאנק די אדער יענע געבוירענע שטריכן קאנען זיי בעסער פון אַנדערע אויסנוצן די

1) אַזאַ מין צו־וואוקס פון צאָל, ווו יעדע הינטערדיקע צאָל באַקומט זיך פון דער פריִער־דיקער געצבלט אויף א געוויסער צאָל.

געגעבענע באַדינגונגען אדער קאָנען זיך צופּאַסן צו די נייע, נאָך נישט אויסגענוצטע. און אַזוי ווי די קאָנקורענטן, וואס פאַרמאָגן נישט אָט די מעלות, ווערן פאַרלענדט, ווערט ראַדיקאַל באַזייטיקט דאס ניוועלירנדיקע פאָרן זיך, פונקט אזוי ווי ביים קינסטלעכן אָפּקלייב; אַנדערש גערעדט, עס שאַפט זיך א נאַטירלעכער אָפּקלייב אָן דעם אָנטייל פונם אָנפירנדיקן שכל. דעריבער פירט דער קאַמף פאַר עקסיסטענץ צו דעם, וואס דער גינסטיקער געבוי-שטריך באַקומט אַ מעגלעכקייט נישט נאָר איבערגעגעבן צו ווערן די קומענדיקע דורות, נאָר אַזוי ארום אויך אָנ-צוּוואַקסן און פאַרגרעסערט צו ווערן. און סוף כל סוף באַקומט זיך אַ נייער אָרגאַניזם אדער מין, וואס אונטערשיידט זיך פונם פריערדיקן דורך איינעם אדער עטלעכע שטאַרק אויסגעדריקטע סימנים. די גאַנצע פאַרשיידנאַרטיגקייט פון די אָרגאַניזמען און זייער אַרט פון געבוי איז אַ רעזולטאַט פון בהדרגהדיקן צופּאַסן זיך צו אַלץ מער און מער קאָמפּ-ליצירטער עקסיסטענץ, וואס האָט זיך געצויגן אין משך פון לאַנגע געאָ-לאָגישע תקופות. אַנדערש גערעדט, פונם אומברחמנותדיקן קאַמף ווערט פון זיך אליין געבוירן אַ בילד פון גרויסאַרטיקער האַרמאָניע. כדי צו דערקלערן דעם אונטערשייד אין קאָליר און אין די פאַרשיידנאַרטיקע געבוי-באַזונדערקייטן, וואס באַגעגענען זיך ביי זכרים און נקבות [1], האָט דאַרווין ווי אַ צוגאָב צום נאַטירלעכן אָפּקלייב אַנטוויקלט אַ הילפס-טעאָריע פון געשלעכט-אָפּקלייב. דער אָפּקלייב „ווערט באַשטימט נישט דורכן קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ, נישט דורך דער באַציונג צו אַנדערע באַשעפענישן אדער צו די אויסערלעכע באַדינגונגען, נאָר דורך דעם קאַמף, וואס ווערט געפירט צווישן איינציקע יחידים פון איין גע-שלעכט, דער עיקר צווישן די זכרים פאַר דער באַהערשונג פון יחידים פון אַנדערן געשלעכט".

דער זכר, וואס אַ דאַנק זיין קראַפט, געשיקטקייט און אַ. וו. באַ-זיגט צו אָן טרייבט אַוועק אַנדערע זכרים און באַקומט די מעגלעכקייט באַהערשן די נקבה, אדער ווען די נקבה אליין גיט אָפּ פּריווילעגיע די בכורה פאַר זיין אויסערלעכקייט, שטים און אַנד., — אַזאַ מין זכר לאָזט גיכער, פאַרשטייט זיך, נאָך זיך איבער אַ דור. איבערגעחזרט זיך אַזוי פון דור צו דור, ברענגט עס דערצו, אַז עס ווערן אויסגעאַרבעט

1) געגנוג צו פאַרגלײַכן אַ האָן מיט אַ הון, אַן אינדיק מיט אַן אינדיטשקע א. אַ. ת.

באַשטימטע באַזונדערהייטן פונם זכר.

צולעצט מוז מען באַמערקן, אז דאַרווין, וועלכער האָט צוגעגעבן דעם גרונד־באַטייט אין דער עוואָלוציע פון אָרגאַניזמען דעם קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ און נאַטירליכן אָפּקלייב, האט קיין מאָל נישט אָפּגע־לייקנט דעם קלענערן אָנטייל פון אַנדערע סיבות, ווי איבונגען און נישט־איבונגען פון די אָרגאַנען, דירעקטע ווירקונג פון אויסערליכע תּנאים, פלוצימדיקע מערבאַדייטנדיקע איינגעבוירענע אָפּוועגדונגען אָדער, ווי מ׳רופט עס איצט, מוטאַציעס. צום סוף פון זיין לעבן איז דאַרווין אַפילו געווען געניינגט צו פאַרברייטערן זייער ראָלע. פּראָטעסטירנדיק קעגן דעם „עקשנותדיקן פאַרדרייען“ זיינע געדאַנקען, האָט דאַרווין באַזונדערס אונטערגעשטרייכט זיינע ווערטער, וואס ער האט געזאָגט נאָך אין דער ערשטער אויפלאַגע פון זיין „אָפּשטאַמונג פון די אַרטן“: „איך בין איבער־צייגט, אַז דער נאַטירליכער אָפּקלייב איז געווען די הויפּט־סיבה, אָבער נישט די אויסשליסליכע, וואָס האָט אַרויסגערופן די ענדערונגען“. אָט די שורות איז באַזונדער וויכטיק צו דערמאנען איצט, וואָס אין דער יאָגעניש נאָך דעם „לעצטן וואָרט פון וויסנשאַפט“, ווערט דאָס „אויסטייטשן“ דאַרווינען איצט געמאַכט כלאחר יד, אויפן סמך נאָר פון הערן, זאָגן.

דער קאַמף פאַר עקסיסטענץ צוזאַמען מיטן נאַטירליכן אָפּקלייב, וואָס שטאַמט פונם קאַמף, איז דער צענטראַלער פונקט פונם דאַרוויניזם. דער עוואָלוציע־שטאַנדפונקט האָט עקסיסטירט אויך פאַר דאַרווינען, עס האָט אָבער נישט עקסיסטירט קיין שטרענג וויסנשאַפטליכע דערקלערונג פונם עוואָלוציע־פּראָצעס. דאַרווינס אידעען האָבן עס געגעבן. זיי האָבן פון דעם עוואָלוציע־פּראָצעס געשאַפן א טעאָרעטישע נויטווענדיגקייט און צוגעגעבן אים כמעט אַ מאַטעמאַטישע באַגרינדונג. וויבאַלד מיר נעמען אָן ווי פאַקטן פון טעגליכן עקספּערימענט: 1) די שטרעבונג פון אָרגאַ־ניזמען צו פּראָגרעסיווער פאַרמערונג; 2) די עקסיסטענץ כאָטש פון קליי־נע אינדיווידועלע אָפּוועגדונגען אין אַלע ריכטונגען און 3) דאָס איבער־געבן די אָפּוועגדונגען בירושה, ווען ס׳ווערן באַזייטיקט דאָס אומאָרדענט־ליכע פּאָרן זיך, — דעמאָלט באַקומען דאַרווינס אויספירן כמעט אַן אַב־ליגאַטאָרישע באַדייטונג. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס דאַר־ווינס שיטה האָט מיט אַמאָל צוגעצויגן צו זיך איבערגעגעבענע תּלמידים, וועלכע זיינען, ווי ס׳טרעפט געוויינליך, אַוועק ווייטער פון זייער רבין. דאַרווין אליין, מחמת זיין פאָרזיכטיקייט און דער מורא נאָך מער

צו פאַרשטאַרקן דעם שטורם, וואס ס'איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך זיין בוך „וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די אַרטן", האט בנוגע צום מענטש זיך באַגרענעצט בדרך אַגב מיט א באַמערקונג, אז אַ דאַנק דעם בוך וועט פאַלן ליכט אויך אויף דער פראַגע פון אָפּשטאַמונג. די אַנטשיידענערע נאָכגייער אבער פון דאַרווינען, ווי קאַרל פאָגט, ביכנער, העקסלי, העגעל האבן דערפירט דאַרווינס אויספירן ביזן סוף און זיי פאַרשפרייטן זיי אינגאַנצן אויך בנוגע צום מענטש. „דעם קיניג פון דער נאַטור" איז באַשטימט געווארן אַ באַשיידענער אָרט אין דער ריי פון די העכערע רוקן־ביינערדיקע, אַן אָרט, וואס קומט אים לויט דער רעכט 1). דאַרווינס בוך, די „אָפּשטאַמונג פונם מענטשן און דער געשלעכט־אָפּקלייב", וואס איז ערשינען שפּעטער אין יאָר 1871, האָט דאס זעלבע באַשטעטיקט שוין אין אַ מער אויספירליכער פאָרם.

פון דער צווייטער זייט אָבער האבן דאַרווינס אידעען אַרויסגערופן אומצופרידנקייט און אויפרעגונג צווישן די באַגרענעצט־אומוויסנדע און טעמפּ־קאָנסערוואַטיווע קרייזן. אין דער טעאָריע פון קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ און נאַטירליכן אָפּקלייב, וואָס זעט דעם „פאַרשטאַנד" פון דער נאַטור אין דער ווירקונג פון „בלינדן צופאַל" און נעמט אָפּ ביים מענטשן זיין פּריווילעגירטן שטאַנד אין נאַטור, — אין דעם האָבן זיי איינגעזען, ווער אויפריכטיק און ווער צבועיש, די צעטרייסלונג פון די רעליגיעזע יסודות, די צעשטערונג פון די עטישע דאָגמעס און דעם אונטערגאַנג פון דער פאַר זיי טייערע פאַרבלענדעניש. „איך האָב קיין מאָל נישט גערעכנט, — האָט דאַרווין געזאָגט, בעת ער האָט געזען די פאַרביטערטע אָנפאַלן אויף אים מצד גוט באַקאַנטע און געערטע פּערזאָנען, — אַז אַן אינקוויזיטאָר זאָל קענען זיין אַ גוטער, איצט אָבער זע איך, אַז מ'קען האָבן חשק אָפּצובראָטן דעם שכן און האָבן דערביי אַ זעלטן גוט האַרץ". ווי אַזוי עס האָבן זיך באַצויגן מענטשן פונם אנגעוויזענעם טיפּ צו דאַרווינס שיטה, קאַן מען זען פון די פאָלגענדע ווערטער פונם רוסישן אַנטידאַרוויניסט דאַניליעווסקי, וואס מיט אים האָט געפירט אַמאָל אַ לאַנגע פּאָלעמיק דער פּראָפ. טימיריאַזעוו: „שילער האָט אין פּראַכטפולן געדיכט „דער שלייער פון דער איזיס" געלאָזט דעם יונגלינג, וועלכער האָט זיך דערוועגן אַ הויב צו טון דעם שלייער, וואָס פאַרדעקט דאָס געזיכט פון אמת, פאַלן אַ טויטן ביי זיינע פיס. ווען דאס געזיכט פונם אמת וואָלט

1) דער מענטש צוזאַמען מיט די צו אים נאָענטע בעלי־חיים, מאַלפּעס געהערט צו די אַזוי גערופענע פּרימאַטן, און זיי האבן אַלגעמיינע נאָענטע עלטערן.

געהאַט שטריכן פון דער צופאַל־פילאָזאָפיע, און ווען דער אומגליקליכער יונגלינג וואָלט דורכגעלייענט אויפן געזיכט די שרעקליכע ווערטער „נאַ־טירליכער אָפּקלייב", וואָלט ער געפאַלן אַ דערשלאָגענער נישט פאַרן פחד פון דער גרויזאַמער הערליכקייט, נאָר ער וואָלט אַנידערגעפאַלן אַ טוי־טער פון איבלקייט און מיאוסקייט, וועלכע וואָלט איבערגעקערט אַלע זיינע געדערים, דערזעענדיק די שמוציקע, עקלהאַפטע שטריכן פון זיין קלאָגנדיקן אויסזען".

דאַרווינס טעאָריע האָט די ערשטע צייט באַגעגנט אַ פיינטליכע באַציונג אויך מצד פיל „וויסנשאַפטליכע אויטאָריטעטן", דערהויפּט מצד דער פאַריזער אַקאַדעמיע. מיט די אויספירן פון דאַרוויניזם האָבן ביזן סוף פון זייער לעבן נישט געקאָנט מסכים זיין ניט נאר די, וועלכע „געבוירן צו קריכן, זיינען זיי נישט אימשטאַנד צו פליען", נאר אויך אייניקע פון די באַרימטקייטן פונם אַלטן דור. אַזוי, למשל, האָט דער באַרימטערווירכאָוו, דער גלענצענדער געלערנטער, דער גרינדער פון דער קעמערל־טעאָריע אין פאַטאָלאָגיע, דער דרייסטער דענקער אין זיין יוגנט, אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן זיך נישט נאר דערקלערט פאַר דעם טעאָרעטישן שונא פונם דאַרוויניזם, נאָר ער האט אַפילו דערנידערט זיך מיט אַן עפנטליכער אַרויסטרעטונג וועגן דעם שאָדן, וואָס די טעאָריע ברענגט די מלוכה.

זינט עס איז ערשינען „די אָפּשטאַמונג פון די אַרטן", איז שוין אַוועק העכער 50 יאָר. די ליידנשאַפטן, וואָס דאָס ווערק האָט אַרויסגע־רופן, זיינען אין דער גרעסטער מאָס געשטילט, און דער דאַרוויניזם איז שוין צוגערעכנט צו דער אָביעקטיווער וויסנשאַפטליכער קריטיק און אויספאָרשונג 1). ווער זשע איז געווען גערעכט, די אָנהענגער אָדער די פיינט פון דאַרוויניזם?

פאַר זיין לעבן נאך האט דאַרווין מיט געפיל פון באַפרידיגונג געקאָנט זאגן, אַז דער עוואָלוציע־שטאַנדפונקט „איז איצט אָנערקענט דורך דעם רוב נאַטוראַליסטן". און איצט וועט זיך אַודאַי נישט געפונען

1) אין די קאַפּיטאַליסטיש־אָפּגעשטאַנענע לענדער, ווי אין דער פאַר־רעוואָלוציאָנערער רוס־לאַנד, איז דאַרווין און זיין שיטה וועגן עוואָלוציע פון אָרגאַניזמען געווען ביז דער לעצטער צייט פאַרבאָטן אין דער מיטל־שול. אויך אין אוניווערסיטעטן האָבן אַפילו סטודענטן פון נאַטור־וויסנשאַפטליכן פאַקולטעט אויף זייערע עקזאַמענס פון טעאָלאָגיע געמוזט מבטל מאַכן דעם „דאַרוויניזם"!

וואָסער ס׳איז ערנסטער געלערנטער, וואס וואָלט זיך איצט אומגעקערט צו די אָנשויונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג פון אַרטן צום פאַרדאַרווינישן פעריאָד. זיי זיינען איין מאָל פאַר אַלע מאָל דורך דאַרווינען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

עס איז אַ פראַגע, צי ס׳איז פאַראַן נאָך וואָסער ס׳איז אנדערע, אין תוך געגומען, איגגאַנצן היפּאָטעטישע וויסנשאַפטליכע טעאָריע, וועלכע זאל אויף יעדן שריט און טריט, הן אין דעם וויכטיקן, הן אין דעם נישט-וויכטיקן, אַזוי גלענצענד, אָן שום אויסנעמען, באַשטעטיקט ווערן, ווי די טעאָריע וועגן נאַטירלעכער, בהדרגהדיקער אַנטוויקלונג פון די אָרגאַנישע פאָרמען. די עוואָלוציע-טעאָריע האט נישט נאר צונויפגענומען אַלע ביז איצט באַוווּסטע פאַקטן, נאר זי האט געשאַפן די מעגליכקייט זיי פאָראויסצוזען.

קיין שום אַנדער שטאַנדפּונקט איז נישט אימשטאַנד צו באַפרידיקן דעם שכל הישר און צו דערקלערן, פאַרוואס זיינען אָרגאַניזמען, אָנגעהויבן פון די נידעריקסטע און געענדיקט מיט די העכסטע סיי ביי חיות, סיי ביי געוויקסן, אַזוי ענג צוזאמענגעפלאכטן מיט זייערע איבערגאַנגען און פאַרוואס ווייזן זיי אַרויס אין זייער געבוי ווי פאַרגעסענע שפּורן פון שכנישע אָרגאַניזמען. ביים מענטש, למשל, האבן מיר ממשותדיקע באַווייזן וועגן זיין אָפּשטאַם, אין דער אומנוצליכער און ביי היינטיקן טאג אַפילו פאַר אים שעדליכער בלינדער קישקע מיט דעם וואָרים-אַרטיקן אָפּוואַקס, אין דעם רעשטל פון עק-רוקן-ביינדלעך, אין די שפּורן פון האָר אויפן לייב א. אַ. וו. פיל סימנים, געמיינזאַמע מיט די אָרגאַניזמען, וואס זיינען אים נאָענט, באַווייזן זיך גאר צייטווייליק אין באַשטימטע סטאַדיעס פון זיין אַנטוויקלונג. ביי מענטשן אין זיין עמבריאָנאַל-צושטאַנד, למשל, זיינען פאַראַן אָטעם-באַקן-שפּאַלטן, וואס זיינען אַנטוויקלט ביי נידעריקערע רוקן-ביינערדיקע אין זייער העכערן עלטער. אויך דאס מענטשליכע פּסיכישע לעבן איז נישט אָפּגעשיידט פון דער פּסיכיק פון איבעריקע אָרגאַניזמען: פון די העכסטע מדרגות פון גייסטיקער טעטיגקייט, וואס ווייזט זיך אַרויס אין דער שאַפונג פונם גאון, ציט זיך אַ גלייכע קייט פון עלף מער און מער איינפאַכערע פאַרשטאַנד-אָרגאַניזאַציעס ביז די באַשעפענישן, וועלכע מיר זיינען געוווינט צו רעכענען פאַר אומבאַוווּסטזיניקע. אויב עס ווייזן זיך נישט אַרויס קיין איבערגאַנגען צווישן די אָרגאַניזמען, וואס לעבן איצט, גיט זיך אבער איין צו געפינען די אין אויסגראַב-צושטאַנד. די פּאַלעאָנטאָלאָגיע נישט נאר, וואס די אַנדעקטע פאַרשטיינערטע [illegible]-פאָרמען, נאר זי דערלויבט זיך

אויך צו קאָנסטאַטירן א ביז גאר וויכטיקן פאַקט, אז די פאַרשיידענע אָרגאַניזמען־טיפּן האבן זיך באַוויזן אין די אַמאָליקע געאָלאָגישע תקופות נישט גלייכצייטיק, נאר די נידעריקערע פאר די העכערע. מיט אייך וואָרט, אומעטום באַווייזן זיך אזעלכע באַציונגען צווישן די אָרגאַניזמען, וועלכע צווינגען דורך דער לאָגיק פון פאַקטן צו אָנערקענען דעם עוואָ־לוציע־שטאַנדפּונקט.

נאר אויב דער עוואָלוציע־פּראָצעס רופט נישט ארויס פון דאַרווינס צייט אָן קיין אָפּפרעגן, קאן מען דאס זעלבע נישט זאגן וועגן דעם צווייטן פונקט פונם דאַרוויניזם — וועגן דערקלערן דעם מעכאַניזם פון אָט דעם פראצעס. אין דעם פרט זיינען זיך די איצטיקע אָנשויונגען צעגאנגען אין גאר סותרדיקע ריכטונגען. פון איין זייט, האט זיך די שול פון די אזוי גערופענע נעאָדאַרוויניסטן, וואס איז פארבונדן מיטן נאמען פון באַוווסטן זאָאָלאָג אויגוסט וויסמאַן, נישט נאר לחלוטין פאַרייניקט מיט דאַרווינס אָנשויונגען, נאר אויך שטארקער אונטערגעשטרייכט די „אַלמעכטיגקייט" פון נאטירליכן אָפּקלייב. דערפאַר אבער באַציען זיך פאַרשיידענע אנדערע ריכטונגען מער אדער ווייניקער נעגאַטיוו צו דער באַדייטונג פון נאטירליכן אָפּקלייב און זעען אין אים אפילו צו אָפּהאַלט פאר דער אַרט־אויסבילדונג.

אָן קיין ספק, אַז פאַר די 50 יאר, וואס שיידן אונז אָפּ פונם ערשיינען פון „אָפּשטאַמונג פון די אַרטן", האט די נאַטורוויסנשאַפט געמאַכט קאָלאָסאַלע פאָרשריטן! גענוג צו זאגן, אַז כמעט אַלע גלענ־צענדע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון קעמערל־לעבן געערן צו די לעצטע 20—30 יאר. צוגלייך זיינען אונזערע ידיעות וועגן די ענדערונגען און ירושה־ערשיינונגען אַוועקגעגאַנגען ווייט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט דאַרווינס תקופה. אויב דאַרווין איז איבער זיין וויסנשאַפטליכער אַרבעט געווען געצוווּנגען צו באַנוצן דער עיקר די אנווייזונגען פון פּראַקטיקער און פאַך־לייט, זיינען איצט שוין פאַראַן אויף דעם געביט אין העכסטן גראַד אויסגעצייכנטע שטרענג־וויסנשאַפטליכע אויספאָרשונגען. עס איז דעריבער קיין חידוש נישט, אויב אין דער שטענדיקער באַוועגונג פונם מענטשליכן געדאַנק און אין דער שטרעבונג אַראָפּצוואַרפן אַלטע געטער, ווערן אין קעגנוויכט די דאַרווינישע אידעען ארויסגערוקט נייע טעאָריעס, מער הויינטצייטיקע און ריכטיקע. „אין דער לעבעדער צייט, — זאגט דער 84־יאריקער אַלעס, וואס האט איבערגעלעבט דאַרווינען, — איז צווישן די סאַמע ברייטסטע קרייזן ארויסגעלאזט געווארן אַ קלאַגע, אַז דאַרווינס

לידל איז פּאַרענדיקט, אַז דאַרוויניזם, ווי אַ פּרוּוו צו דערקלערן די אפּשטאַמונג פון די אַרטן און בכלל די אַנטוויקלונג פון דער אָרגאַנישער וועלט, איז שוין לחלוטין ארויסגעשטויסן דורך די נייע, כלומרשט מער וויסנשאַפטליכע אָנשויונגען. פאַרשטייט זיך, אַז דער עולם, וואס איז שטענדיק להוט און גרייט צו אַלע נייעסן, גלויבט זייער גרינג די מיטטיילונגען, וואס ווערן דערצו געמאַכט מיט פולער זעלבסטזיכערקייט און אויפן סמך פון כלומרשט זיכערע אויטאָריטעטן".

די אַלע פּרוּוון אבער אַראָפּצוּוואַרפן דעם דאַרוויניזם, אָפּצורוקן אים אויפן הינטערשטן פּלאַן, ווי אַן אַלטן אומנוצליכן חפץ, בלייבן ביז איצט אָן ערפאָלג, און דער גרויסער גאון פונם 19=טן יארהונדערט, פון וועלכן עס דערווייטערט אונז אַלץ מער און מער די צייט, וואס לויפט אַזוי גיך, האַלט ווי פריער הויך זיין קאָפּ. אַלע היינטצייטיקע ריכטונגען זיינען נישט מער, ווי איינצעלנע עלעמענטן פון דער עוואָלוציע=טעאָריע, וואס זיינען דערפירט ביז עקסטרעמער איינזייטיגקייט און וועלכע דאַרווין אליין האט, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, אפּגעגעבן אַ באַשטימט ארט. און צוגלייך פאַרבלייבן אויך איצט אָט די אַלע אָפּפרעגן, וואס ער האט געמאַכט קעגן זייער אַלגעמיינער באַדייטונג.

פון דעם, וואס איז געזאגט געוואָרן, איז, פאַרשטייט זיך, נישט געדרונגען, אַז דאַרווינס טעאָריע נויטיקט זיך בכלל נישט אין מער אדער ווייניקער וויכטיקע אויסבעסערונגען און דערגאַנצונגען: זי קאן נישט זיין און איז נישט קיין יוצא מן הכלל פון אַלגעמיינעם עוואָלוציע=געזעץ. נאר ווי אַן אַלגעמיינער פּרינציפּ, וואס גיט איין גאנצן שטאַנדפּונקט צו פאַרשטיין אַלע צוזאַמענגענומענע פאַקטן פון אָרגאַנישן לעבן, קאן ער דערווייל דורך קיין אַנדערן נישט פאַרביטן ווערן און וועט געוויס קיינמאל נישט פאַרביטן ווערן. נאר די אָפּקלייב=טעאָריע קאן דערקלערן ביים ליכט פון אורזאַכליכקייט דאס אַנטשטיין פון האַרמאָניע אין נאַטור, וועלכע האט פון אַלע מאל אַזוי פאַרחידושט און פאַרוואונדערט דעם מענטשליכן געדאנק.

אַזוי ווי די שטראָמען וואַסער, וואס פליסן אַראָפּ פון הויכע בערגשפּיצן, אָפּטמאל פאַרהילטע דורך פאַנטאַסטישן נעפל, און פליסנדיק גיסן זיי זיך צונויף אין מעכטיקע טייכן און באַוואַסערן פעטע פעלדער, אַזוי האבן אויך די דאַרוויניסטישע אידעען, טראָגנדיק זיך צו אונז פון דער ווייט, באַפרוכפּערט דעם מענטשליכן געדאנק אויף די פאַרשיידנסטע געביטן. מען פאַרשפּאַרט צו זאגן, אז דער עוואָלוציע שטאַנדפּונקט איז איצט צוגלייך

וויכטיק און אָבליגאַטאָריש, פאַר וואָסערע ערשיינונגען מיר זאָלן זיך נישט נעמען אויסצופאָרשן. נישט נאָר די ענג=ביאָלאָגישע פּראָצעסן, נאָר אויך פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע, סאָציאָלאָגיע, פילאָזאָפיע, רעליגיע, — זיי אַלע מוזן אַרויסגיין פון איין און דער זעלבער פּאָרויסבאַשטימטער הנחה.

„מיר זעען נאָך נישט דעם סוף פון דער דאַרווינישער רעוואָלוציע, און געוויס וועט מען דעם סוף קיין מאָל נישט דערזען, ווייל דאס אַלגע=מיינע אָננעמען די דאַרווינישע טעאָריע ברענגט דערצו, מ'זאָל פולשטענ=דיק אָפּלייקענען די אַנטראָפּאָצענטרישע 1) אידעען, מ'זאָל אײַנגאַנצן אומ=בייטן די פאָרשטעלונגען וועגן אונזערע באַציונגען צו דער וועלט, און דאס, פון זיין זייט, רופט אַרויס אַ שטענדיק וואַקסנדיקע, ווייט אַרומ=כאַפּנדיקע און קאָמפּליצירטע ווירקונג אויף אונזערע באַציונגען איינער צום אַנדערן און אויף די באַציונגען צו דער נאַטור. דער עוואָלוציאָניזם האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין געביט פון מענטשלעכן געדאַנק און מענטשלעכן וויסן. אין קיין זאַך האָט זיך עס נישט אַרויסבאַוויזן אַזוי קלאָר און דייטלעך, ווי אין דעם פאַמעליכן פאַרעלטערט ווערן (אויב מ'קאָן זיך אַזוי אויסדריקן) פון אַלע סטאַטישע פאַרדאַרווינישע פילאָזאָפיעס, וואָס האָבן נישט געוווּסט פון אַנטוויקלונגס=פּראָצעסן, באַלד נאָכדעם, ווי די נייע פּראָגרעסיווע עוואָלוציע=טעאָריע האָט פאַרכאַפּט די ערשטוינענטע וועלט" (גראַנט=אַלען).

און אויך די ספּעציעל דאַרווינישע אידעען האָבן זיך אַרויסבאַוויזן אין דער העכסטער מדרגה פאַר לעבנספעיק און זיינען אַרויסגעטראָטן ווייט=ווייט פון די גרענעצן פון דער ביאָלאָגיע גופא 2).

„דער געדאַנק וועגן קאַמף פאַר עקסיסטענץ, — זאָגט דער באַ=וווּסטער רוסישער רעוואָלוציאָנערער טוער קראָפּאָטקין, — ווי אַ פאַק=טאָר פון עוואָלוציע, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער וויסנ=שאַפט דורך דאַרווינען און וואַלעסן, האָט אונז געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרכאַפּן אין איין פאַראַלגעמיינערטן פאַרנעם ביז גאָר אַ ברייטן

1) וואָס זעען דעם מענטשן אין צענטער פון אַלץ.

2) אין צוזאַמענהאַנג מיט דאַרווינס יובל, איז אין 1909 ערשינען אין ענגליש אַ גרויס בוך „דאַרווין און די היינטיקע וויסנשאַפט". אינעם בוך קומען אַריין 29 אַרטיקלען, אָנגעשריבן דורך פאַרשיידענע ספּעציאַליסטן. יעדער אַרטיקל איז געווידמעט אַ באַזונדער פראַגע, וואָס עס באַריכט דאַרווינס טעאָריע. אויסער די קאַפּיטלען, וואָס געהערן באָטאַניקער, זאָאָלאָגן, געאָלאָגן, אַסטראָנאָמען געפינען מיר דאָרט קאַפּיטלען: די ווירקונג פון דער עוואָלוציע-קאָנצעפּציע אויף דער היינטיקער פילאָזאָפיע; דאַרוויניזם און סאָציאָלאָגיע; די ווירקונג פון דאַרוויניזם אויף דעם רעליגיעזן געדאַנק; די ווירקונג פון דאַרוויניזם אויף דער דערקלערונג פון רעליגיעס; די עוואָלוציע און די שפּראַכן-וויסנשאַפט; דאַרוויניזם און געשיכטע.

שטח פון ערשיינונגען, און אט די פאראלעלגעמיינערונג איז גיך געווארן דער אמתער יסוד פאר אונזערע פיליזאפישע, ביאלאגישע און סאציאלאגישע טעאריעס. די אַלע ביז דער העכסטער מדרגה פאַרשיידנארטיקע פונקציעס און די סטרוקטור-צופּאַסונגען פון די ארגאנישע באשעפענישן און זייער סביבה, די גאנצע פארשיידנארטיגקייט, וואס שטעלט פאָר די פיזיאלאגישע און אנאטאָמישע עוואלוציע, דער באשטאנד-פּראצעס און די עטישע אנטוויקלונג האט מען אונז פריער דערקלערט דורך די פארשיידנסטע מאטיוון; ביי דארווינען אבער זיינען אט די אלע ערשיינונגען אריין ווי א גאנצער באשטאנד טייל אין איין אלגעמיינעם באַגריף – וועגן דעם שטענדיקן קאמף מיט די אומגינסטיקע באַדינגונגען – און דאס אלץ איז צוגעפירט געווארן צו אזא אנטוויקלונג פון אינדיווידומען, ראסן, צַרטן און געזעלשאפטן, אז אינם סך הכל וואלט דערגרייכט געווארן די מעגליכסטע פולקייט, פארשיידנארטיגקייט און אינטיסיווקייט פון לעבן"...

וויבאלד דער מענטש איז אונטערגעווארפן די זעלביקע נאטור-געזעצן, ווי אלע ארגאניזמען, איז קיין חידוש נישט, וואס אין די „געזעצן" פון ארגאנישער עוואלוציע האט מען באלד אנגעהויבן צו זוכן באווייזן וועגן די באדינגונגען פון געזעלשאפטליכן פּראגרעס. דערביי פארגעסט מען געוויינליך, אז די הנחות פון דער אדער יענער עוואלוציע-שיטה דערציילן אונז נאר, ווי עס איז געגאנגען די עוואלוציע ביי דער ווירקונג פון אייניקע אומבאַוווסטזיניקע שליחים, אבער זיי דערציילן כלל נישט וועגן דעם, ווי דארף זי גיין ביי דער באטייליגונג פון דעם דורכויס נייעם פאקטאר, פונם פארשטאנד.

אין דער אמתן איז דער קאמף פאר דער עקסיסטענץ, ווי עס האט זיך אויסגעדריקט הערבערט ספענסער, נאר דאס איבערלעבן פון דעם מער צוגעפאַסטן, דאס הייסט, דאס פארהיטן די ארגאניזמען, וועלכע זיינען אימשטאנד בעסער פון אנדערע צו ביישטיין קעגן די אומגינסטיקע באדינגונגען. אליין דארווין האט קלאר אנגעוויזן, ווי ביי פיל גרופּעס בעלי-חיים ווערט דער קאמף צווישן איינצעלנע אינדיווידן פארשוונדן, ווי דער קאמף ווערט פארביטן דורך קאאפעראציע – און וואסערע רעזולטאטן דאס פארבייטן ברענגט מיט זיך אין דער אַנטוויקלונג פון די אינטעלעקטועלע און עטישע פעיִקייטן, וואס פארזיכערן דעם צַרט די בעסטע באדינגונגען צו א מער פעסטער און זיכערער לאַגע אין לעבן. „אויב מיר וועלן זיך ווענדן,–אנטוויקלט קראפּאָטקין וויי-

טער דעם זעלבן געדאנק, — צו די דירעקטע באַווייזן און וועלן
פרעגן די נאַטור: ווער זשע איז מער צוגעפּאַסט, צי די בעלי־חיים,
וואס פירן אַ שטענדיקן קאַמף איינער מיטן אַנדערן, אדער די, וועלכע
שטיצן איינער דעם צווייטן, ווען מיר אַרויסזען, אז די בעלי־חיים,
וואס האבן די געוויינהייטן פון קעגנזייטיקער הילף, ווייזן זיך אָן ספק
אַרויס פאַר מער צוגעפּאַסטע". פון דעם שטאַנדפּונקט זיינען די אלטרו־
יסטישע געפילן און געזעלשאפטליכע אינסטינקטן אין דער מענטשלי־
כער געזעלשאפט אויך אזא מין געווער אינם „קאמף פאר דער עקסיס־
טענץ", ווי די איינפאכע פארמען פון קראפט אין דער זאאלאגישער
וועלט. דער גאַנצער גאַנג פון דער גייסטער געשיכטע באַווייזט, אַז
אינם איצטיקן פעלקער־קאַמף זיינען די אָנשטרענגונגען פון אַלע גייס־
טיקע כוחות דער אַנטשיידנסטער מאמענט, און אַזאַ אָנשטרענגונג
איז מעגליך ביי אַ געוויסער אינערליכער סאָלידאַריטעט און אחדות
פון דער גאַנצער נאַציע. דאָרט, ווו דער כלומרשטער גלייכוואג איז
נאר אַ רעזולטאט פונם גראָבן באַרויבן דאָס רעכט, וואָס ווערט געטאָן
מצד פון איינע בנוגע צו אַנדערע, דאָרט ווערן אַלע כוחות געפטרט
אויף דעם אינערליכן קאַמף און גייען אומפּרוכטבאַר פאַרלוירן פאַר דער
נאַציע אין איר גאַנצן. אויף אַזאַ אופן איז נישט נאָר, וואָס די פּרינ־
ציפּן פון דאַרוויניזם שטעלן נית אַרויס דעם חיהשן עגאָאיזם פאַר דעם באַ־
וועגער פון פּראָגרעס, נאָר דורכויס פאַרקערט, זיי שאַפן די רעאַלע
באַגרינדונג, די באַגרינדונג פון לעבן און טויט פון דער נאַציע, פאַר
די אלטרויסטישע יסודות אינם געזעלשאַפטליכן לעבן...

דירעקט אָדער אומדירעקט האָבן מיר אזוי פיל צו פאַרדאַנקען
טשאַרלז דאַרווינען, אַז זיין נאָמען וועט אויף אייביק פאַרבלייבן ביי
דער מענשהייט אין דער רייע פון די גרויסע גייסטער, וועלכע האָבן,
אדאנק די באזונדערע גליקליכע באַדינגונגען, וואָס די נאַטור האָט זיי
באַשאָנקען, זיך דערהויבן צו אַזאַ הויך, וואָס נישט איז דערגרייכבאַר
פאַר די מאַסן, און גלייכצייטיק האָבן זיי פאַר די מאַסן געעפנט אַ
ברייטן וועג פאָרויס. אט די גרויסע גייסטער, די גאונים, פאַרבלייבן,
פאַרשטייט זיך מענטשן, מיט זייערע אַלע מעלות און חסרונות, אבער די
חסרונות, ווערען מטושטש און פאַרשווונדן פאַרן גרויסן און דערהוי־
בענעם, וואס איז פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון זייער שאַפן. דאַרווין,
וואָס האָט אַראָפּגעפירט דעם מענטשן ביז צו א קליינינקן טייל פון אַן
איינהייטליכן וועלט־פּראצעס, האָט אין דער זעלבער צייט אים אויפגע־

אויבן ביז אַזעלכע מאַיעסטעטישע הויכן, וואָס פאַרכאַפּן ממש דעם אָטעם. ווייבאַלד אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אין איס, איז נאר אַ שפּיל פון איין און די זעלבע כּוחות פון דער נאַטור, וואס זיינען צוגענגליך דער דער־קענטניש, ליגט דעריבער דער אייגענער אומענדליכער פּראָגרעס אין זיינע אייגענע הענט. דער אויסדרוק „וויסן איז קראַפט" האט איצט באַ־קומען א טאָפּלט רעאַלע באַדייטונג. מיט זיכערקייט קאנען מיר איצט זאגן, אז דאס וויסן וועט אונז געבן די מעגליכקייט צו רעגירן נישט נאר איבער די סטיכיעס, נאר אויך איבער די פעיִקייטן, וואס ליגן אין אונז גופא און וואס זיינען געווען ביז איצט א פּראָדוקט פון אומבאַ־וווסטן פאַר אונז צוזאַמענטרעפן פון אומשטענדן. דאס רויִק־מאַיעסטעטישע געשטאַלט פון טשאַרלז דאַרווין רופט אונז מיט שטאלצקייט פאַרויס צו הערשאַפט, פאַרויס צום קאמף מיט די פעסטע מויערן פון עם־הארצישן אומוויסן, אין וועלכע ער האט דורכגעבויערט אזעלכע לעכער, וואס ס'איז שוין אוממעגליך זיי צו פארשטאָפּן...

„דער הויפּט־צענטער פון דאַרווינס טעאָריע, זאגט איינער אַן אמעריקאנער שריפטשטעלער, באשטייט אין דעם, וואס אלץ לעבעדיקעס פון גאר דער וועלט האט איין אָנהויב. זויף אזא אופן האבן אלע דאס זעלבע רעכט אויף לעבן און אויף די ווילטאגן פונם לעבן, און עס קאן זיין, אז ס'איז נישט ווייט די שעה, ווען די וועלט וועט א דאנק דארווינען און זיינע נאָכגייער איבערגעבויט ווערן גאר אויף נייע פאַרהעלטנישן און גאר אויף נייע יסודות. דעמאלט וועלן געוועלטיקן נאר ברידערליכקייט און גלייכקייט. עס איז נאָענט די שעה, ווען דאס, וואס איז איצט פאַררעכענט פאר „הייליקע" רעכט, וועט זיין נישט מער ווי „געשיכטליכע פאַרגאַנגענהייט".

באַזונדערס האט ריכטיק און קלאר אפּגעשאצט די באַדייטונג פון דאַרווינס טעאָריע פאַר דער אלגעמיינער באַפרייונגס־באַוועגונג דער באשעפער פון דער מאָדערנער אַרבעטער־באַוועגונג און סאָציאַליסטישער שיטה קאַרל מאַרקס. ליבקנעכט אין זיינע זכרונות וועגן קאַרל מאַרקס דערציילט: „ווען דארווין האט געמאכט דעם אויספיר פון זיינע אויס־פאָרשונגען און האט עס פאַרעפנטליכט, זיינען ביי אונז אין משך פון עטליכע חדשים קיין אנדערע שמועסן נישט געווען, ווי נאר וועגן דארווינען און וועגן דער גרויסער איבערקערעניש, וואס איז געשאַפן געווארן דורך זיינע וויסנשאפטליכע דערגרייכונגען".

קלאָר און דייטליך גייט אויך דורך די אידעע פון עוואָלוציע אין דער שיטה פון מאַרקסן, אויפן געביט פון עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע פאַרהעלטנישן. היסטאָריש איז מאַרקס שיטה ענג פאַרבינדן מיט דער ריין־שפּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע פון העגעל, די רעאַליסטישע, שטרענג־וויסנשאפטליכע באגרינדונג אבער האט זי צום ערשטן מאל באַקומען ווידעראמאל נאר אדאנק דאַרווינען, דעם פאטער פון ,נאטור־געשיכטליכן עוואָלוציאניזם.

פרייז 70 מאַרק.

אויסשליסליכער פאַרקויף:
צענטראַלער ביכער-לאַגער
„קולטור-ליגע"

וואַרשע, לעשנא 52, וו. 3.